# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn No. 33, May 1963 - Entire Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/7d8871k4

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 33(1)

**Publication Date**
1963

**Copyright Information**
Copyright 1963 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

# 33

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב
— און —
שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

איר, ה'תשכ"ג — מאַי, 1963

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

## אינהאַלט:


י. פ.: ה. לייוויק ז"ל (ביאָ־ביבליאָגראַפיע) — 3

יחזקאל בראָנשטיין: ה. לייוויק — 7

אלף כּץ: נאָך דריי לידער פון די צוואַנציקער — 8

מאַטעס דייטש: „מיטן פּנים צום געדאַנק" (עסיי) — 9

אהרן ניסענזאָן: צוויי לידער—„שיר השירים", „אייביקייט" — 13

משה דלוזשנאָווסקי: „דער צירק" (דערציילונג) — 14

שלמה שוואַרץ: „דער באַנייטער הונגער" (ליד) — 22

י. פרידלאַנד: „חיהלע די צדקת" (דערציילונג) — 23

לוי גאָלדבערג: „צווייטער בריוו צום היסטאָריקער" (ליד) — 30

משה צוקער: „נעכטן, הייַנט און מאָרגן" (עסיי) — 32

משה שטיינגאַרט „איך און דו" (ליד) — 35

פּינטשע בערמאַן: „ווילט זיך מיר זינגען" (ליד) — 36

ז. בונין: „אויף יענער זייט האָריזאָנט" (פּאָעמע) — 37

יצחק ניומאַן: ישעה הנביא, דער וויזיאָנער פון אייביקן שלום (עסיי) — 38

חנה בושעל־סאָלאָוו: לידער — 41

יהושע ריווין: „פרילינג", „אויף אַן עראָפּלאַן" (לידער) — 42

משה וויסמאַן: בעת און נאָכן שטורעם (בילד) — 43

מאַטעס דייטש: ד"ר חיים פאָממעראַנץ ע"ה (נעקראָלאָג) — 45

יצחקי: דער שרייבער און זיין בוך (פאַרצייכענונג) — 47

א. באַביטש: פעדער־שפּריצן — 48

י. פ.: פאַרוואָס אַ פּרעמיע? — 49

ליטעראַרישע נאָטיצן און קולטור כראָניק — 51

אָפּרופן פון קאָלעגן — 54

אַריינגעקומענע ביכער, צייטשריפטן און זשורנאַלן — 57

גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד: פייגעלע פאַניטש אַ זיבעציקערין — 58

פייגעלע פאַניטש אַ בת־שבעים: באַגריסונגען פון פריינד — 60



# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

**I. FRIEDLAND, *Editor***

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכּוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 420 So. Cloverdale Ave. - Los Angeles 36, Calif.

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# חשבון

• פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען •

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר    מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

9טער יאָרגאַנג, נומער 33 • אייר תשכ"ג, מאַי 1963 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.



## ה. לייוויק
ז"ל

(אַ קורצע
ביאָ־
ביבליאָגראַפיע)

אין לעצטן יאַנואַר נומער האָבן מיר טעכניש שוין ניט באַוויזן אַריינצוגעבן אַ נעקראָלאָג וועגן אונדזער באַרימטן דיכטער ה. לייוויק. במשך דאָס יאָר פון לייוויקס פּטירה וועט אַ סך געשריבן ווערן וועגן דער גרויסער אבידה פון לייוויקן פאַר דער יידישער קולטור און ליטעראַטור. מיר האַלטן עס פאַר אַ הייליקן חוב צו דערמאָנען דאָ, אין דעם ערשטן נומער פון אונדזער שריפט, נאָך זיין פּטירה, אין זיין הייליקן און לויטערן אָנדענק.

לייוויק איז געבוירן געוואָרן אין הימון, מינסקער געגנט, אין יאָר 1988. צו צען יאָר פירט מען אים אָפּ קיין בערעזין. אין דער דאָרטיקער ישיבה האָט ער זיך אָנגעשעפּט בסוד מיט דער משכּילישער ליטעראַטור אויף העברעאיש, רוסיש און יידיש. ער ווערט דערנאָך אַ לערער אין אַ דאָרף ביי אַ ישובניק, ניט ווייט פון זיין געבורט־שטאָט.

אין יאָר 1906, צו 18 יאָר, ווערט לייוויק אַרעסטירט פאַר באַטייליקן זיך אין אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע. שפּעטער, ווען מען אַרעסטירט אים צום צווייטן מאָל, געפינט מען ביי אים אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. אין 1908, צו 20 יאָר, זיצנדיק אין דער מינסקער תּפיסה, שאַפט לייוויק זיינע ערשטע צוויי דראַמאַטישע פּאָעמעס: „די קייטן פון משיח" און די לירישע פּאָעמע, „אַ נשמה אין גיהינום." נאָך פאַר די דאָזיקע שאַפונגען האָט לייוויק אין עלטער פון 13 יאָר אָנגעשריבן אַ צאָל לידער אין העברעאיש.

אין זעלביקן יאָר 1908 קומט פאָר דער משפּט איבער אים און ער ווערט פאַראורטיילט צו פיר יאָר תּפיסה און אויף אייביקע פאַרשיקונג אין קאַלטן סיביר.

זיינע יסורימדיקע איבערלעבונגען שפּיגלען זיך בולט אָפּ אין זיינע סיבירער לידער. נאָך יאָרן פון שווערע מאַטערנישן אויף קאַטאָרגע און האַרבע איבער־לעבונגען, געלינגט אים דאָך פון דאָרטן צו אַנטלויפן. זיין ליד „אייביק" איז אַ רמז אויף יענע טעג פון זיין אַנטלויפן:

אין בלוט מיינע קליידער — די פיס קוים איך שלעפּ,\
איך קום מיט אַ ליבשאַפט פון לעצטן געליטער;\
איך קום צו אַ שטיבל, איך פאַל אויף די טרעפּ—\
איך הויב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

אוודאי האָבן מיר אַלע געהאָפט, אַז דער גרויסער דיכטער ה. לייוויק וועט אויך זיין קראַנקן פּאַראַליז בייקומען: ער וועט זיך אויפהייבן פון זיין צוגעשמידטן בעט און ווידער און ווייטער מיט באַנייטן כּוח אַוועקשפּאַנען איבער יידיש־לאַנד און מיט אומאונטערבראָכענער שעפערישקייט ממשיך זיין דאָס וואונדערלעך פּאָעטיש שאַפונג זיינע. האָט אָבער זיין ביטערער גורל הפּנים אַנדערש באַשטימט. היינט טרויערט די גאַנצע יידישע וועלט איבער איר גרויסער צערפּולע אבידה פון איר גרויסן מאַראַליש־עטישן דיכטער און מענטש, ה. לייוויק ז"ל.

אין אַלע לייוויקס שאַפונגען ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דער הייליקער מאָטיוו פון סאָציאַלן יושר, פרייהייט, און די חשיבות פון דעם יחיד. אָט־דער אידעאַליזם שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע וואָגיקע ווערק, הן אין ליד והן אין זיינע דראַמעס.

ווייניק דיכטער פון אונדזער תּקופה האָבן אַרויסגעבראַכט אַזוי קינסטלעריש די צייט־מאָטיוון און איבערלעבונגען פון פאָלק ווי לייוויק. ווי אַ דיכטער און דראַמאַטורג האָט ער פאַרנומען די מזרח־וואַנט אין דער יידישער ליטעראַטור. די גרויסע צאָל ווערק זיינע, וואָס שטעלן צוזאַמען אַ 30 בענד, איינגעמענדיק די ווערק פון דער גרויסער יידישער קאַטאַסטראָפע בימי היטלער: „אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען"; „אַ חתונה אין פערנוואַלד." זיינע לעצטע ווערק, איידער ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן, זיינען די לידער: „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים"; „לידער

צום אייביקן." לייוויק האָט באַקומען פאַרשיידענע ליטעראַרישע פּרעמיעס: פון „לאַמעד פאַנד" און פון „לייב האָפּער פאַנד." מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט לייוויק באַקומען אַן ערן־דאָקטאָראַט פון דעם „היברו יוניאָן קאָלעדזש."

די דראַמע זיינע, „דער גולם", איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש און אויף ענגליש; איז אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג פון דער „הבימה" אין מאָסקווע און שפּעטער אין ישראל און אין אַנדערע לענדער. אין ניו־יאָרק איז „דער גולם" געשפּילט געוואָרן אין ענגליש.

לייוויק איז געוואָרן אַ וועלט־נאָמען. זיין וואָרט האָט תמיד געטראָגן מיט זיך גרויס חשיבות. אינעם יאָר 1936 האָט לייוויק פאָרטראָטן דעם יידישע פּע"ן קלוב ביים אינטערנאַציאָנאַלן פּע"ן קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן דאַן אין בוענאָס איי־רעס. לייוויק איז מוטיק און שאַרף אַרויסגעטראָטן ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער מסיבה מיט גאָר אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן די גרוילטאָטן פון דעם נאַציזם ווי אויך קעגן דער פּאַסיוויטעט פון אַ גרויסער צאָל וועלט־שרייבערס, וואָס האָבן זיך געמאַכט ניט וויסנדיק פון אַלץ וואָס דער נאַציזם האָט אויפגעטאָן אונטער זייערע אויגן און האָבן ניט געהאַט דעם מוט צו פּראָטעסטירן.

אין יאָר 1957 איז ה. לייוויק איינגעלאַדן געוואָרן פון דער ישראל מלוכה צום אידעאָלאָגישן קאָנגרעס. פאַר אונדז אין די שטאַטן איז נאָך פריש אין געדאַנק דעם גרויסן גייסטיקן רושם וואָס לייוויק האָט געמאַכט דאַן מיט זיין רעפעראָט ביים כינוס אין ירושלים. זיין השפּעה האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן, ניט נאָר אויף דער גרויסער הייליקער מסיבה אין ירושלים און אין גאַנץ ישראל, נייערט דער אָפּקלאַנג פון זיינע פאַרטיפטע און ערלעך דערהייבענע רייד, האָבן זיך מאַגנעטיש איבערגעטראָגן בכל תפוצות ישראל. לייוויקס אויפטריט דאָ און ישראל האָט ניט ווייניק משפּיע געווען פאַר אַ טיפערע פאַרשטענדיקונג אין ישראל, פאַר אַ בעסערער באַציאונג און שטימונג בנוגע אונדזער יידיש לשון דאָרטן, און די ראָל וואָס יידיש האָט פאַרנומען אין לעבן און שאַפן פון יידישן פאָלק.

מיט אומגעהויערן אינטערעס האָבן מיר געלייענט מכוח די אַלע וויכוחים און רעפעראַטן וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון די פאַרשיידענע מנהיגים, דענקער, געלערנטע און גאונים פון יידיש וויסן און מחשבה. מיט אַ באַזונדערע תשוקה האָבן מיר אויפגענומען די רייד פון ה. לייוויק. דאָס זיינען געווען דברים היוצאים מן הלב.

לייוויק איז ניט געקומען צום אידעאָלאָגישן קאָנגרעס אין ישראל מאָנען רעכט און כבוד פאַר יידיש, און ער איז געווען זייער גערעכט ווען ער האָט אויסגערופן:

„כ'בין צו שטאָלץ צו מאָנען היינט ביי יידן כבוד פאַר יידיש"! ער האָט מיט חשיבות דערמאָנט די העברעאישע עקסטרעמיסטן: אונדזער בלוטיקן נאָענטן עבר פון דעם שוידערלעכן אומקום — וואו זעקס מיליאָן יצחקס זיינען געלעגן אונטער מעסערס, אונטער העק, אין פייערן און אין גאַז־קאַמערן, און זיינען טאַקע געקוילעט געוואָרן!"

יאָ, ס'איז געווען נויטיק צו דערמאָנען די איינגעוואָרצלטע ותיקים אין ישראל, וועלכע הייבן אָן צו פאַרגעסן, אַז די קדושים־מאַרטירער זיינען אומגעקומען מיט יידיש אויף זייערע ליפּן, און דורך יידיש זיינען דורות לאַנגע יידישע גאונים און למדנים דערצויגן געוואָרן, און אַ פאַרצוויגטע, אַ זאַפטיק־פּערלדיקע

יידישע ליטעראַטור איז אויפגעקומען, און פאַרנעמט איצט אַן אָנגעזען חשוב אָרט צווישן אַנדערע וועלט־ליטעראַטורן.

אין אַזאַ צייט — אין לייוויקס ווערטער: ווען בלוטיקע, דיקטאַטאָרישע און טאָטאַליטאַרע הענט — קאָמוניסטישע, כמו־קאָמוניסטישע און אַלערליי איסטישע — האַלטן גרייט תפיסות, לאַגערן און כרת־דעקרעטן און גלאַט שאַרפע מעסער אַרויסצושניידן די יידישע צונג — אין אַזאַ צייט איז לייוויק געווען אין זיין סופער־רעכט און צו שטאָלץ צו מאָנען רעכט און כבוד פאַר יידיש!...

בעיקר ביי וועמען? — ביי אונדזערע אייגענע יידן!... און וואו?... אין אונ־דזער אייגן, אויסגעוויי־טיקט און אויסגעבענקט יידיש היימלאַנד!... איז גוט צו פילן און צו הערן, אַז פון אַלע שיכטן אין ישראל האָט מען זיך באַצויגן צו אונדזער יידיש־יידישן דיכטער, ה. לייוויק, מיט יראת הכבוד און גרויס דרך־ארץ. מחמת אַלע האָבן געפילט, אַז עס האָט גערעדט דאָס האַרץ און דער געוויסן פון אונדזער פאָלק...

ס'איז אויך געווען גוט צוהערן, אַז פירנדיקע העברעאישע שרייבער, צווישן זיי אויך פון יונגערן דור, האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ דערנעענטערונג צו דער יידי־שער ליטעראַטור. דאָס איז נאָר אַ דאַנק די גרויסע רומפולע און עטיש־מאָראַלישע פערזענלעכקייט פון דעם דיכטער ה. לייוויק, וועלכן מיר דערמאָנען איצט אין זיין הייליקן אָנדענק, האָט מיט זיין פּאָעטיש פייערלעך לשון משפּיע געווען אויף יעדן ערלעך־דענקענדן יידישן מענטשן.

לייוויק איז ניט נאָר אַ גרויסער דיכטער, נייערט אַ באמת אויסערגעוויינלעכע נביאישע פערזענלעכקייט פון אונדזער דור.

מיט זיין פּטירה איז אַוועק פון דער וועלט אַ גרויסער ייד און אַ וואונדער־לעכער שאַפער. די יידישע ליטעראַטור האָט אין אים פאַרלאָרן איינעם פון די גרעסטע דיכטער פון אונדזער צייט.

כבוד זיין הייליקן און לויטערן אָנדענק.      י. פ.

▼▼
▼

---

**ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט**
**פאַר דעם זשורנאַל „חשבון“**
**אַפּצאָל 3 דאָלער אַ יאָר**

---

יחזקאל בראנשטיין

# ה. לייוויק

(כ״ז כסלו, תרמ״ט (דריטע חנוכה ליכטל), דעצעמבער 1888;
ב׳ דחנוכה׳ 26טער דעצעמבער, 1962)

הויב אויף דיין קול אין אַ געוויין
ביים קריעה־ריס, אין קלאָגן
נאָך דעם וואָס איז דאָ ערשט געוועןׄ
ביים ערשטן קדיש־זאָגן.

פאַרגעס אין אַלץ—געדענק בלויז אים,
באַהעפּט זיך מיט זיין נאָמען;
גיב־אָפּ אַ לויב צו גאָט און רים
זיין גרויס־באַשאַף, זאָג: אָ מ ן.

טו־אויס די שיך און שבעה זיץ
ביים ליכט וואָס פלאַמט, וואָס ציטערט;
מייד־אויס אין שפּיגל זיך צו זען,
מייד־אויס צו זיין פאַרביטערט.

מיש־אויף אַ בלעטל אין זיין בוך,
באַהעפּט זיך מיט די לידער
וואָס ער האָט אויסגעוויטיקט דאָ,
און לעבט אין זיי איצט ווידער.

ווען י. ל. פּרץ איז נפטר געוואָרן, איז אונדזער יידישע ליטעראַטור טאַקע פאַר׳יתומ׳ט געוואָרן. גליקלעכערווייז אָבער, נישט אויף לאַנג, ווייל אין משך פון בלויז עטלעכע יאָר איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון ה. לייוויק, וואָס איז געוואָרן ראוי און טאַקע שטופּנווייז אויך זיין אָרט פאַרנומען, ווי דער פירנ־דיקער גייסט און דאָמינירנדיקער כוח פון אונדזער ליטעראַטור.

און איצט, אַז ה. לייוויק איז נפטר געוואָרן, זיינען מיר אויף אַן אמת פאַר־יתומט געוואָרן און פאַרבליבן אָן אַ מוכיח׳ אָן אַ מאָנער און אויך אָן אַן אָנרעגער פאַר אַ געוויסנהאַפטן איינשטעל, פאַר דער שליחות און אחריות פון אונדזער וואָרט, דער גורם פון שעפערישע מעשים, אין דעם לבוש פון משיח׳אישע זע־אונגען פון גאולה.

ה. לייוויקס מאָנונגען, וואָס זיינען חל אויף דעם גאַנצן פאָלק, זיינען איצט אַריבער אויף אייגענע קעסט; זיי מוזן און זיי וועלן געפינען אַ תיקון, אין דעם האַרץ פון דעם פאָלק, דורך די אייביקע ווערטן פון זיינע וואָגיקע ווערק — אָן אים גופא.

איצט געהערט שוין ה. לייוויק דער געדעכעניש פון די איצטיקע און שפּעטערדיקע דורות.

ה. לייוויק וועט אונדז אַלעמאָל דינען ווי אַ מוסטערהאַפטערביישפּיל פון אַ דיכטער, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דעם אמת פון זיין וואָרט, וואָס האָט זיך אידייאיש אַריינגעפיבערט אין דעם סאַמע האַרץ פון דער יידי־שער ליטעראַטור, מיט דעם כוח פון דעם דאָרנבוש אין מדבר, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט.

צוליב דעם וועט דער נאָמען ה. לייוויק לויכטן ווי אַ נר־תמיד אין די איצטיקע און אויך די נאָכקומענדיקע ווערטן פון אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש לשון.

### אַלף פּץ

# נאָך דריי לידער פון די צוואַנציקער

## פרילינג

שטייט אַ בוים מיט פרילינג-בלעטער,
קוקט אַראָפּ צום וועג... וואָס זעט ער?

כאָטש נאָך פריש און גרין כמעט,
ליגט שוין טויט זיין ערשטער בלאַט.

## דער שטורעם נאָכן שטורעם

נאָך דעם רעגן פון פאַרנאַכט,
וואָס דער שטורעם האָט געבראַכט,
אין אַ לאַנגן נאַסן שפּיגל
שוועבט דער הימל ווי אַ סוד,
און איבער אים מיט פייער־פליגל
פליט און ברענט די גאַנצע שטאָט.

## נעכט אין גרעניטש ווילעדזש

זיי זיינען משוגע-געוואָרענע טעג,
וואָס זיינען אַרונטער פון ליכטיקן וועג
און זיצן אין קעלערס און קלאָגן,
נאָר רייסן זיך אַלץ נאָך צו טאָגן
אויף זייער פאַרפינצטערט-געוואָרענער שפּראַך—
מיט ווערטער פון קעלער וואָס בענקען צום דאַך.

**מאַטעס דייטש**

# מיטן פּנים צום...געדאַנק

(וועגן קלאָרקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט)

## אינהאַלט

צי דאַרף מען טאַקע פרעגן: וואָס איז דער אינהאַלט פון די צויבער־וואַריאַנטן ווען מ'קוקט־צו ווי ברויזנדיקע ים־כוואַליעס שפּילן־אויס אין זייער סטיכישער אַרבעטזאַמקייט אויפן פלאַך פונעם וואַסער? וואָס איז דער אינהאַלט פון זייער אומדערמידלעכער עקשנות? פון זייער יאָגן זיך, שטויסן זיך צום ברעג פון דער יבשה און באַלד לעם אים איינגעשלונגען ווערן אינעם בייזן צעפּראַל פאַרן אויג פונעם טאָג, פאַרן שטערנשימער פון דער נאַכט

צו וואָס זוכן אין זייער טוּונג אינהאַלט?

אַז זיך, תכלית — אינהאַלט (לויט מענטשלעכער קאָנצעפּציע) האָט דאָך מיט זיי גאָרנישט ניט צו טאָן! ווארעם סיי דער טאָן פון די כוואַליעס און סיי דאָס טון זייערס איז אפשר גאָר אַליין דער סאַמע זין, דער צוועק גופא; זייער תכלית און ממילא שוין אויך דער אינהאַלט פון זייער צויבער־וואַריאַנטן מיט די כוואַליעס.

זייערס איז בלויז פאָרם פון באַוועגונג, דער שטויס פון קינעטיק.

ר יי נ ע ר א י נ ה אַ ל ט איז דעם מענטשנס דאגה; זיין פּראָבלעם — זיין וועלט־באַנעם.

אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן מיט דעם חקרן, דעם פילאָזאָף, וואָס וועט נאָך אַלץ פרעגן די שאלה: וואָס איז פאָרט דער אינהאַלט פון די צויבער־וואַריאַנטן בעת מיר קוקן זיך צו ווי די ים־כוואַליעס שפּילן־אויס זייער זינגעוודיק־שפּריג־געוודיק טועכץ אויפן געטרעפטן שטח פון די וואַסער־פּליינען?

ס'איז דאָ בלויז איין ענטפער אויף דעם נודניקס קלאָץ־קשיא:

ווער פרעגט עס אָט־די שאלה אויב ניט... מענטש?! אויב אַזוי איז אפשר אַ סברה אַז מ'זאָל אים גאָר צוריקפרעגן: וואָס אַזוינס קומט פאָר אין אונדז בשעתן צוקוקן זיך, פּנים אל פּנים, צום פּראָצעס וואָס סע קומט פאָר בעת אונדזער ביי־זיין לעם ברעג ים? מיר ווערן דאָך אינגאַנצן איבערגעביטן, פאַרענדערט אין אונדזער געמיט; עס ווערט צעפּלוישט אונדזער פּסיכיק — מיר צעעפענען זיך; עס צעאַרבעטן זיך אין אונדז אַלע געהיימע, עמאָציאָנעלע כלים: אינטואיציע שטעלט צו אַלערליי מאָדנע עקספּרעסיעס פון פּאָעטישע, מאַלערישע, מוזיקאַ־לישע, פילאָסאָפישע שפּירונגען און געאָנטקייטן — ביז רעליגיעז טראַכטן, מיסטעריעזע מעדיטאַציע...

ניין, מ'טאָר ניט פרעגן, וואָס איז דער אינהאַלט פון די צויבער־כוואַליעס אויפן געטרעפטן שטח פונעם ים. מיר הענגען אָן אויף זיי אַ מענטשלעך יסוד, וואָס איז פרעמד צו זיי. זיי פאַרמאָגן ניט קיין באַזונטן אינהאַלט! קיין שום אונדזעריקן מין פאַרטראַכטן, און דער עיקר — אָן אַריינטראַכטן? אַוודאי ניט!

אינהאַלט אין אַ מענטשלעך באַגריף; זיין יסוד — חלק מענטש. בלויז ער טוט אים געבערן פון זיך אַרייס אַבזערווירן און צוזאַמענגיסן זיך מיט די כוואַ־ליעשע דערשיינונגען און פאַראייגענען זיי לויט זיינע פּסיכישע נייגונגען, וואָס

אַדאַפּטירן זיי צו מענטשישע האַנדלונגען דורך דער אַנאַלאָגיע אינהאַלט, וואָס ווערט געבוירן פון אונדז אַרויס, פון אונדזער באַוואוסטזיין.

מיר זוכן אַ פאַרשטענדלעכקייט פון אַן אומפאַרשטענדלעכקייט, וואָס איז ניט מסוגל צו זיין פאַרשטענדלעך לויט אונדזער ווערט פון פאַרשטענדלעכקייט. ס׳איז דעם ימ׳ס טועכץ אַן טראַכטונג. מיט איין וואָרט, טראַכטנדיקער אינהאַלט מיט זין, תכלית און האַרמאָנישקייט ווי מיר פאַרלאַנגען פון די כוואַליעס, איז אונדזערע אַ פאַרשטעלונג, וואָס האָט אַ שייכות מיט אונדזערע מעשים.

דעם ימ׳ס אינהאַלט פון די צויבער־כוואַליעס איז באַוועגונג; באַוועגונג, ניט מער.

טאָ פאַרוואָס טשעפּען מיר זיך צו אַזעלכענע דערשיינונגען? פאַרוואָס נעמען מיר זיי ניט אויף אַן שאלות. אַזוי איז עס, אַזוי קומט עס פאַר און פאַרטיק!

נו, טאַקע, וואָס איז דער מער מיטן מענטש?!

איז ער טאַקע ניט מער ווי אַ נודניק? אַ סתם חקרן?

איך זאָג קאַטעגאָריש — ניין!

דערפאַר, ווייל אומפאַרשטענדלעכער אינהאַלט, קאָסמישע דערשיינונגען, למשל, אַנען די דענקערס, זינט אַלע צייטן פון פרעגן, קאָן נישט זיין קיין סתם הוילער פּראָצעס פון אַ בלויז בלינדן קאַפּריז. אַזוי דרינגט דער מענטש מיט זיין טראַכטן.

און טראַכטנדיקער אינהאַלט איז — סדר־מענטש.

אָט האָבן מיר עס: צו דערקענען, צו באַשטימען סדר־מענטש, מיינט פאַרשן, שטייגן — אויסדערוויילטקייט.

און כוואַליעס, מעגן זיי זיין ווי צויבערדיק, זיינען ניט מיט קיין שום באַזונ־דערער אַנדערשקייט און אויסדערוויילטקייט. כוואַליעס, כוואַליעס, כוואַליעס.

בלויז דער בן־אדם איז געבענטשט מיט דער מעלה צו באַזיצן — אַ חוץ זיין געשטאַלטיקן אינהאַלט — אַ ספּעציפיש פרעגנדיקן אינהאַלט.

מענטש — פרעגט!

מענטש איז אַן אומענדלעך פרעג־בויגן...

דער מענטש זוכט אינהאַלט ניט ווי בלויז — אינהאַלט. ניין! נאָר ווי אַ באַשייד, אַן אויפקלער, אַן אַנטפּלעקונג, וואָס זאָל זיך מגלה זיין אין אַ זעעוודיקן ענטפער אַזוי, אַז ער זאָל ניט דאַרפן פרעגן: מאי קא משמע לן??!

מחמת דאָס פרעגן: „וואָס לאָזט ער מיך צו הערן" איז ניט גאָר קיין גלאַט פרעגן, נאָר ס׳איז ממש ברוטאַל, און אויב מ׳וויל, איז עס טאַקע דאָס ברוטאַלסטע פרעגן! ווייל סע ווערט תמיד געפרעגט הויל און נאַקעט. עס שטרעבט צו נאַקעט־קייט. ס׳איז דער בחת־דרגא, נישט פונעם פרימיטיוון מענטש, נאָר פונעם פלאַכן קאָפּ, וואָס פעלט אים אַ קלעפּקע און וויל אים פאַרשטאָפּן מיטן וואולגאַרן אינ־האַלט איבער אַלץ וואָס די הונדערטער טינט־און־פען־קריצערס האָבן אַזוי פאַר־וואולגאַריזירט.

וואולגאַריזירטער אינהאַלט איז אַ געפערלעכער ראַבאַט, וואָס פאָלגט זיך נאָך אַליין — איכלאַז...

און איצט נחזור לענינו: צום שרעקעוודיקן פונקט פונעם הויכן באַרג אומ־פאַרשטענדלעכקייט. כאָטש אין פלוג געגומען איז נישטאָ אַזאַ זאַך אינעם מענטשנס מוח; אויב ס׳איז נאָר באמת אַ מוח, וואָס איז ווערט אַנגערופן צו ווערן מוח...

וואָרעם ווער קען עס אַזוי, פ ר י י פון דער הערשנדיקער פלאַכקייט, אַנטווייזן אַוואו סע הייבט זיך אָן די ליכטיקע פאַרשטענדלעכקייט, און אַוואו עס לאָזט זיך אויס די פינצטערע אומפאַרשטענדלעכקייט? די דערפאַרונג ווייזט אונדז פיל מאָל אַז אויך צו דער קלאָרקייט האָט מען גרויסע טענות פאַר איר אויסטון זיך בפרהסיא...

אַוודאי וועט נאָך אַלץ בלייבן די הויכע טענה קעגן דער נידריקער: ס'איז געוועגדט ווי פאַר וועמען...

און, איך בעט איבער אונדזער אַלעמענס כבוד וועגן, דער „פאַר וועמען" איז שוין טאַקע דורכאויס פאַרשטענדלעך?

ער איז ווייט פון דעם.

טאָ ווי קען „אַן אומפאַרשטענדלעכער" פאַר־וועמען האָבן טענות צו דער אַזוי פיל־פאַרשריגענער אומפאַרשטענדלעכקייט?

ניין. ער איז ווייט פון דעם, סיי פאַר זיך גופא און סיי פאַר יענעם...

ווייל אים גייט דורכאויס אין סתם אינהאַלט. ניט אין טראַכטנדיקן אינהאַלט.

דעריבער זאָג איך, אַז טראַכטנדיקער אינהאַלט איז בפירוש — סדר מענטש. ווייל ס ד ר מיינט שטענדיקער אַריינטראַכטן זיך אין זאַכן און אין דערשיי־נונגען. אַגב, די אותיות פון ס ד ר, דייטן אָן אַ רמז: סוד, דרך, רבונו של עולם... גאָט איז בלויז אָרדענונג, געזעץ!

דער אויספיר איז:

אינהאַלט איז טראַכטן. דאָס איבעריקע איז — דערשיינונגען.

אָבער אינעם טראַכטן איז אינהאַלט דווקא, דורכאויס — דער עכטער אינ־האַלט... ער פאָלגט נאָך די דערשיינונגען!

נאָר אין אָט־דעם־אַ זכות — אינהאַלטדיק טראַכטן — דערשפּירט דער מענטש אַז ער באַזיצט אַן עגאָ, אַן א י ך! ער דערפילט בפירוש אַז עד איז פאַראַן אין דער עקזיסטענץ ווי אַ י ש פון דער אַל־קיומדיקייט.

דערפאַר טאַקע ציט עס יעדן איינעם צו שעפערישן אויסדרוק.

היוצא לנו מדברינו:

דאָס שעפערישע וואָרט — שעפערישקייט בכלל — נייטיקט זיך אינעם מענטש; יאָ. שעפערישקייט דאַרף דעם מענטש און ער — די שעפערישקייט. עס פירט אים אַריין אין דער ספערע פון חב"ד. ער ווערט ספּיריטיסטיש. מכל־שכן, ווערט אַזוינאָך ממילא פאַרענטפערט די פערפעטועלע שאלה אינהאַלט. אַלץ וואָס איז פאַראַן אין ממשותדיקן ז י י ן איז פול מיטן אינהאַלט פון דאָ־איקייט, און דאָאיקייט רעפלעקטירט; רעפלעקציע ווירקט אויף אונדז און זי מאַכט אונדז צו טראַכטן.

וואָרעם אין טראַכטן און אין פרעגן איז דער קלאָרסטער כלל פשוט:

אָן דערשיינונגען — איז ניטאָ קיין אינהאַלט. און אין אַלץ איז דאָך צום אַלעם ערשט די דערשיינונג. דער מענטש פאַר זיך גופא איז דאָס רעטעניש־דערשיינונג. אַ פשיטא זיינע מעשים פון אומשאַנד דיין אויסצוטראַכטן חכמהדיק טראַכטן; דאָס אַליין איז שוין די שענסטע דערשיינונג — ס'איז קונסט!

פאַרוואָס דווקא נאָר אַזוי? ווייל איך בין געקומען צו דער מסקנא, אַז קונסט איז אַ קאָסמישע דערשיינונג, געלייטערט דורכן מענטש...

הקיצור הדבר, איך וועל דעם ביז־איצטיקן אינהאַלט גרינטלעך רעזומירן

אין איין פסוק, אין אַזאַ זאַג, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון מיין „מאַנדלברויט־יידיש."

דער פועל־יוצא פון אַלע דערשיינונגען איז — אינהאַלט. דער אינהאַלט אָבער רעפלעקטירט און וואָרצלט זיך אין אין אונדז דורך פאַרשיידענע אַספּעקטן. פריידיקע, טראַגישע, עקסטאַטישע — קינסטלערישע.

## פאָרעם און סטיל

פאָרעם איז דאָס אויסערלעכע, דאָס דרויסנדיקע פון יעדער זאַך. פאָרעם איז דאָס געשטאַלט פון דעם קעגנשטאַנד, ווי דער אָביעקט זעט אויס, דערשיינט פאַר אונדז סיי אין שטח, סיי אין מאָס־און־וואָג — פּראָפּאָרציע, קאָליר, קלאַנג, ריטעם — מוזיק.

סטיל איז שוין די אינעווייניקסטע אייגנשאַפט, דער אַטריבוט מיט וועלכער די זאַך איז באַשאַנקען; דער וויאַזוי, דער אופן, דער מאַנער, ווי די זאַך צי דער מענטש טוט זיך אַנטפּלעקן צו אונדז.

פאָרעם איז די כלי פאַרן אינהאַלט, וואָלט איך געזאָגט; סטיל — דער טעם, דער אַראָמאַט וואָס די כלי טראָגט אין זיך. דעריבער הערט מען זייער אָפט זאָגן: ער קען די קונסט, די פאָרמען פון שרייבן, צי מאָלן אָדער שפּילן, נאָר ס'האָט נישט קיין טעם. און אַז מ'וויל נאָך זיין ספּעציפיש שאַרפער, זאָגט מען: ס'האָט ניט קיין יידישן טעם...

איך וועל עס פאָרמולירן אַן ערך אַזוי:

פאָרעם האָט יעדער אָביעקט; יעדע זאַך, יעדער מענטש.

סטיל? — דאָס איז איינצלמאַליק. מ'קאָן עס ניט נאָכמאַכן; ס'איז דער אָריגינאַל. פאָרעם קאָן מען מאַכן פילצאָליק, אָבער סטיל? דאָס איז פּערזענלעכקייט און כאַראַקטער. דאָס לאָזט זיך ניט נאָכמאַכן; ס'איז איינציק.

קלאָר און פשוט. ס'איז דער פולסטער אמת.

וואָרעם ניט נאָך דער פאָרעם־נאָך דערקענט מען דעם קינסטלער, נייערט — לויטן סטיל.

דער תנ"ך האָט חוץ זיין אינהאַלט: תורה, נבואה, פּאָעזיע און פילאָסאָפיע, האָט ער זיך באַרימט געמאַכט אַל־פעלקעריש מיט זיין ספּעציפישן תנ"כישן סטיל, אין וואָס פאַר אַ שפּראַך מ'זאָל אים איבערזעצן, בלייבט ער— תנ"כישער סטיל.

און וויסן דאַרף מען, אַז די העכסטע מדרגה אין סטיל איז דער ניגון. וואָרעם ניגון איז פאַרן פאָלקישן שאַפן וויכטיקער ווי פאָרעם אפילו. אונדזער פאָלקלאָר איז עס כולל אין אַלע פּרטים.

דער תהילים, שיר־השירים, גאַנץ תנ"ך איז קערנעראַרטיקע פאָרעם. אַזוי איז דער תלמוד, די מערסטע תפילות, תחינות, צאינה־וראינה, מוסר־ספרים און אַ סך פון דעם מין. נאָר דער פאָלקס־ניגון, וואָס האַלט זיי באַפלייִשט דורי־דורות, האָט זיי שוין אַזוינאַך באַפורעמט מיט נאַציאָנאַלער פאָרעם, וואָס יעדער ווערק טראָגט צו נאַציאָנאַלע אינטעגריטעט מיט זיך.

דער וואַלד רוישט, דער ים רוישט; די וועלט רוישט און דער מענטש רוישט! נאָר אַמאָל פאַרנעמט זיך דער מענטש צו זינגען, און דאַן הערט אויף צו רוישן — ער ווערט דער ניגון פון דער וועלט.

דאַן איז ער דעם בורא'ס איינציקער סטיל פון זיין אַל־באַשאַף...

אהרן ניסענזאָן

# צוויי לידער

## שיר השירים

דער ייד עלעמענט אין דער וועלט,
און דער דאָזיקער עלעמענט וועט באַהערשן די וועלט.
וואָס דרינגט אין איר אַריין אַלץ טיעפּר און טיפער,
ביז —

עס וועט קומען אַ טאָג,
און דער דאָזיקער עלעמענט וועט באַהערשן די וועלט.

אָ, וואָס פּאַר אַ געזאַנג עס וועט דאַן אויסברעכן! —

דער אוניווערז און אַלץ וואָס אין אים,
וועלן אויפזינגען אין איין געזאַנג —
דאָס געזאַנג פון דערלייזונג.

און דער טרויער וועט זיין — ווי קיינמאָל ניט געווען;
און די פּיין — ווי קיינמאָל ניט געדאַכט;
יסורים וועלן זיין — ווי קיינמאָל ניט געשען. —
ווי טאָג, וועט ליכטיקן די נאַכט.

אין יענעם טאָג, ווען גאָט וועט דורכדרינגען די וועלט;
אין יענעם טאָג, ווען גאָט וועט אויפזינגען די וועלט.

## אייביקייט

פאַראַן איז נאָר איין אמת,
ער ליגט פאַרפּלאָנצט אינעם מענטש,
און ווער עס פאַרנעמט דעם רמז,
דער איז מיט אייביקייט געבענטשט.

איך האָב דעם רמז פאַרנומען
באַגלייך מיטן נאָמען ייד,
און פון דעם טאָג פון מיין קומען
איז דאָס דער עצם פון מיין ליד.

איך וועל זיין ווען פון אמת דער זאָמען
ווי זון גייט אויף מיט געבענטש,
און זען ווי דער זין פון מיין נאָמען
צעליכטיקט זיך אינעם מענטש.

משה דלוזשנאָווסקי

# דער ציר ק

(דערציילונג)

וועלוול לייב איז געווען אַ פעסט־געבויטער, הויכער מאַנספּאַרשוין און געהאַט דאָס אויסזען און געשטאַלט פון אַ גיבור. זיינע ברייטע אַקסלען האָבן זיך געוויגט גייענדיק, זיין נאַקן איז געווען ווי פון בראָנז געגאָסן; אַ טשופּרינע שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ, וואָס איז אַזש געווען בלוי פון שוואַרצקייט און אין לייב די גבורה פון אַן אָקס. בלויז איין חסרונדל האָט וועלוול פאַרמאָגט: זיין פּנים איז געווען פאַרקריפּלט, צעקאַליעטשעטע וואונדן, וואָס זיינען שוין לאַנג פאַרהיילט געוואָרן און זיינען דאָך רוי, צעריסן און אויסגעזען ווי דאָס פּנים וויינט, לאַכט, מאַכט משונהדיקע גרימאַסן, ווילדע מינעס; עס איז שפּאַט, חוזק און אַלץ צוזאַמען.

אַזאַ פּנים האָט ער באַקומען, ווען ער איז קליינערהייט אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן טיש אויף אַ שטיינערנעם דיל. שטאָט־לייט האָבן דאָס אויסגעטייטשט: אַ מענטש קען דאָך ניט זיין אינגאַנצן באַשאַנקען מיטן אויסזען פון אַ פּרינץ; ער וועט דאָך פאַר גרויס גאווה איינרייסן מיט אַנדערע, מיט דער וועלט און אפשר טאַקע מיטן באַשעפער אַליין. איז וועלוול לייב געבליבן מיט אַ געשטעל פון אַ פּרינץ און מיט אַ פּנים פון אַ לץ, עלעהיי חוזק אַליין.

מענטשן האָבן זיך באַנוצט מיט זיין גבורה. ער האָט געטאָן אַלע אַרבעטן, וואָס טאַטע־מאַמע, פרומע לייט האָבן אים געהייסן. ער האָט אַלעמען אויס־געפאָלגט, צו אַלעמען געווען גוט און קיינמאָל ניט פאַרלוירן אַ טראָפּן פון זיין גוטמוטיקייט. דעריבער איז ער געוואָרן דער שטאָט־נאַר און אינם עלטער פון די אַנהויב צוואַנציקער יאָרן, האָט ער שוין דעם טיטל געטראָגן איבער זיין לייב און לעבן באַקרוינטערהייט, מיט חשיבות און פאַרנעם.

איינמאָל אין אַ האַרבסט־טאָג איז אין שטאָט אָנגעקומען אַ צירק מיט האַק און פּאַק. אַ וואָלקן שטויב האָט זיך אויפגעהויבן איבערן וועג, וואָס האָט געפירט צו דער שטאָט און צו די גאַסן און געסלעך ביז צום גרויסן מאַרק. ברוינלעכע, שוואַרצע, ווייסע, געפלעקטע פערד האָבן געשלעפּט וועגענער אָנגעלאָדענע מיט סלופּעס, דרענגער, אייזנס, לייוונטן, בענקלעך, רינגען, שטאַבעס, קייטן און עפּעס אַ גאַנצע וועלט מיט מענער ווייבער יונג און אַלט. אָפּגעברענטע פּנימער, רויע, צעקנייטשטע, לאַכנדיקע, שרייענדיקע, מיט גרימאַסעס און פאַרשייטקייט, מיט טרויער און געמאַכטער נאַרישוואַטער פרייד. די פערד האָבן אויך געשלעפּט וועגענער אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען ריזיקע שטייגן מיט חיות, וואָיענ־דיקע, מרושעדיקע. זיי האָבן זיך איבערגערופן מיט פאַרבענקטע, הילכיקע קולות.

דער מאַרק איז אויפגעריסן געוואָרן אין מיטן דעם פראָסטן וואָכנטאָג מיט געוואַלדן, גראָבע רייד; פערד האָבן געהירזשעט און געזעצט מיט די קאָפּיטעס אין דער ברוקירטער ערד; אַ לייב האָט געברומט, אויפגעמאַכט דעם פּיסק, גע־גענעצט און איבערגעשראָקן די גאַנצע שטאָט; אַ טיגער האָט געשפּאַנט אין דער שטייג הין און צוריק, געקוקט מיט גרינע פאַספאָר־אויגן אויף דעם בייזן וואונדער אַרום און אָט וועט ער צעשפּאַרן די שטייג און מיט זיינע נעגל פון די לאַפּעס

צערייסן אַלעמענס פנימער. קינדער האָבן געשריגן, מוידן האָבן געלאַכט און געוואָלט באַהאַלטן זיך אײנע אונטער דער אַנדערער. די צירק־אַרבעטער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די רעקלעך און גענומען אויסהאַקן שטיינער, גראָבן אין דער ערד און אַרייַנגעשטעלט אַ סלופ, וואָס זיין שפּיץ האָט געגרייכט צום הימל און כמעט זיך אויסגעגלייכט מיטן באַגילדעטן צלם אויפן העכסטן בלוילעכן ציבעלע־טורעם פון דער צערקווע אין מאַרק. דער סלופ איז באַלד געוואָרן דער אָנזאָג פאַר אַלעמען, אַז דאָ אויף דעם אָרט וועט זיין דער צירק.

מענטשן האָבן געגאַפט פון דעם ספּעקטאַקל אין מיטן דער וואָך, וואָס גייט זיך אָפּשפּילן פאַר זייערע אויגן. יידן — פאַרזאָרגטע, פאַרפייניקטע, מיט שווערן געמיט, מיט זאָרג פון שלעפן דעם יאָך נאָך דער ביסל פרנסה און דאָס ביסל געזונט, האָבן גלייכגילטיק אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און מיט ביטול דעם גאַנצן צירק מיט די לייבן, לעמפּערטן, טיגרעס, עלעפאַנטן, וואָס שטייען נעבעך געפאַנגענע אין די שטייגן פאַר אַלעמענס אויגן און עס איז אַ ביטער רחמנות אויף זיי צו קוקן. קיין גרויס חידוש איז עס ניט, מען האָט שוין געזען אין חומש די אַלע חיות, אפילו פיפּערנאָטערס שוין געזען: „והשפיפון״— דער פיפּערנאָטער איז שוין גאַנץ קלאָר אַרויס פון די בלעטער פון חומש; לייבן און טיגערס זעט מען אויף די פּרוכתן, איבער די אָרון־קודשן זיינען זיי אויסגעשניצט. אַי יענע זיינען פון האָלץ און סאַמעט, און די זיינען לעבעדיקע — דאָך זיינען זיי חיות. דאָס שטאָט־גאַיעס האָט זיך יאָ צעהוליעט, געלאַכט, געוואַגט צוגיין נעענטער צו די שטייגן, נאָכקרומען אפילו דעם טיגער; נו אויף דעם זיינען זיי דאָך עשיו׳ס קינדער און עשיו איז דאָך געגאַנגען אין פעלד אַריין מיט פייל און בויגן פאַנגען חיות. הײנט וואָס איז דאָס וואונדער?...

וועלוול לייב, דער שטאָט־נאַר, איז געווען איינער פון די וואָס איז באַרוישט געוואָרן מיט אַ ווילדער פרייד פון דעם וואָס עס איז אָנגעקומען אַ צירק אין שטאָט און וואָס דאָ וועט זיך אָפּטאָן. ער האָט זיך געשראָקן אַזוי ווי די יידן אַרום אים אין מאַרק פאַר די חיות און דאָך געוואַגט לאַכן, צוגיין אַ טראָט נע־ענטער צו די שטייגן, ווי דאָס גאַיעס אַרום. אַ גרויס גליק איז אויף אים געקומען. אַ גאַנצן לעבן האָט ער געוואַרט אויף אַזאַ טאָג און דאָ מיט איין מאָל איז עס צעלייגט פאַר זיינע אויגן: פערד וועלן טאַנצטן, לייבן און לעמפּערטן וועלן שפּרינגען דורך פייערדיקע רייפן, מענטשן וועלן מאַכן קאָזשעלקעס, די מוזיק וועט זעצן און כמאַליען. פאַר גרויס צעטומלטקייט און פרייד האָט ער פאַרגעסן ווי ער האַלט אין דער וועלט: ער דאַרף דאָך גאָר נעמען וואַסער ביים שטאָט־ברונעם, וואָס געפינט זיך אין אַ ווינקל פון מאַרק, דאָרט וואו אין די יריד־טעג טרינקען די פויערים אָן זייערע פערד און בהמות, דורשטיקע מיילער קוויקן זיך מיט דעם פרישן וואַסער און דאָ קען ער גאָרניט צוקומען מיט זיינע עמערס צום ברונעם; אַלץ אַרום איז געוואָרן באַלייגט מיט אייזנס, ברעטער, זעק, קייטן, געהילץ. אַ נייע וועלט איז דאָ געבוירן געוואָרן אין עלעכע שעה צייט: גענומען דעם אַלטן מאַרק, מיט דער צערקווע אינמיטן, מיט דעם ברונעם, מיט די געשטע־לעכלעך, מיט האַק און פאַק און פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טובדיקן צירק.

דער יונג האָט ביט געוואוסט צי ער חלומט, אָדער דאָס איז אַלץ אמת? ווייזט אויס, אַז אויף אַלעם קען קומען אַן איבערקערעניש, פון אַ מאַרק — אַ צירק,

פון אַ ציג — אַ לייב, פון אַ צלם — אַ דראַנג ביז צום הימל, און ווייטער, קען דאָך אויך זיין צעריסן פּנים ווערן אַן אַנדער פּנים!

אין דער פאַרטראַכטקייט און פרייד און פון דעם וואָס עס טוט זיך אַרום אים: די צירק־מענטשן זיינען פאַרהאַוועט, פאַרפּראַצעוועט און ווילן מיט אַלע כוחות נאָך היינט אַנציען די לייוונטן, דעם דאָך אַרום דעם הויכן דראַנג, און מוזיק וועט נאָך היינט זעצן און שפּילן, האָבן זיך די געבליטן אין אים צעקאַכט, די גבורה האָט זיך אין אים אָפּגערופן מיט דער גוטמוטיקער גרייטקייט צו העלפן אַנדערע אונטערשטעלן די אַקסלען. האָט ער לאַנג ניט געטראַכט, אוועקגעשליי־דערט די וויאַדרעס און אַריינגעפּלאָנערט זיך צווישן דער חברה פרעמדע צירק־אַרבעטער; דאָ אונטערגעשפּאַרט אַ סלופּ, דאָ אַנגעצויגן די לייוונט אויף אייזערנע לייסטן, דאָ געהאָלפן אַראָפּנעמען אַ שטייג מיט אַ ווילדער חיה פון וואָגן; אומעטום איז ער צוגעלאָפן און אומעטום איז ער צונוץ געקומען. די צירק־מענטשן האָבן באַלד באַמערקט דעם מאַן מיט די שטאַרקע הענט און אייזערנע אָרעמס, ווי פלינק און געשיקט ער מאַכט אַלץ; אַזאַ איינער איז אַ מציאה פאַר אַ צירק, האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ גלאָז בראָנפן, שווערע פאַרפּראַצע־וועטע הענט האָבן אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע.

פון אַ וואָגן־ביידל איז אַרויסגעקומען אַ יונגע פרוי אין רייט־הויזן, מיט אַ צעעפנט זיידן בלוזקעלע איבערן האַלבן לייב, מיט אַ קוטשמע גאָלדענע האָר אויפן קאָפּ, וואָס האָבן פאַרבלענדט וועלוול לייבס אויגן, ווי שטיקער פלאַמיק גאָלד פון דער זון פאַרבלענדן. די אָרעמס זיינען ביי איר געווען ווייסע און עפּעס ברוינלעכע, ווי שיינע זיידן־געצייג, וואָס ער זעט אין די שוי־פענצטער פון די געשעפטן. היינט אירע אויגן — די הימלשע בלויקייט אַליין. און איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ רוט, אַ בויגעוודיק לאַנגע ביטש האָט עס אויסגעזען אין וועלוול לייבס אויגן, אַזאַ ווי דער פּריץ בוכאַרסקי באַנוצט, ווען ער רייט אין די פאַרנאַכטן אויף זיין שלאַנקן ברוינעם פערד אינעם שטאָט־פּאַרק. זי האָט זיך קעציש, פויל אַ דריי געטאָן צווישן דעם אַנגעוואָרף פון ברוכוואַרג און מענטשן, געהויבן די רייט־רוט הויך איבערן גאָלד פון קאָפּ. מיט אַ פאַרזשמורעט אויג האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס געשטאַלט פון דעם גיבור וועלוול לייב און זיין פאַר־קריפּלט פּנים; אַ פרעמדער מאַנספּערשוין, וואָס אַרבעט מיט אַזאַ פלייסיקייט, גלייך מען וואָלט אים אָנגעשאָטן טאַשן מיט גאָלד. האָט זי זיך אַ רוק געטאָן פאַראויס און גערופן מיט אַ קלינגענדיקער שטימע, וואָס האָט זיך אָנגעהערט ווי אַ געקלאַנג פון אַ זילבערן גלעקל צווישן דעם געבראַזג פון ברעטער, גראָבע רייד, געקלימפּער פון אייזנס:

— העי, דו! זעסט דאָך אויס ווי אַ פּאַיאַץ! ווי קומסטו אַהער?

וועלוול לייב האָט זיך ניט געכאַפּט אַז מען מיינט אים. ער איז געווען פאַרבלענדט פון איר אויסזען, אַזש ער האָט געמוזט פאַרזשמורען די אויגן, ווי אַ וואונדער פון הימל איז זי דאָ אַראָפּגעפאַלן, און פאַראַרבעט איז ער געווען ביים ציען אַ קייט פון איין סלופּ צום אַנדערן. איר שטימע האָט ווידער זיך צעשאַלט און געפאַלן אין דעם געקלימפּער אַריין:

— ביסט אַ צירק־קלאָון? איך האָב דיך קיינמאָל ניט געזען! וואָס טראָגסטו אַ מאַסקע אויפן פּנים? ווי קומסטו אַהער?

איצטער האָבן זיך די אַרבעטער געכאַפּט וואָס זי וויל. זי רעדט דאָך צו דעם פרעמדן ריז; זיי האָבן בעסער אַנגעקוקט וועלוול לייבן און גענומען לאַכן מיט אַ הייזעריקן געלעכטער:

— זי מיינט דאָך דיך! האָסט דאָך טאַקע אַ פּנים פון אַ פּאַיאַץ! ווער האָט דיך אַזוי באַאַרבעט? אפשר ווילסטו זיך פאַרדינגען ביי אונדז אין צירק? אויף אַ שטיק ברויט און אַ גלאָז בראָנפן וועסטו שטענדיק פאַרדינען!

וועלוול לייב האָט מיטגעלאַכט אַביסל פאַרשעמט פון דעם אייגענעם פּנים זיינעם; אַט האָבן זיי אויך דערזען, אַלע זען זיין גרויסן בראָך: אַ פּנים פון אַ מאַלפּע, פון אַ פּאַיאַץ, פון אַ שטאָט־נאַר, פון אַ פאַרשאָלטענעם, און אַט שטייט איבער אים די שיינע פרוי מיט דער בייטש אין האַנט און לאַכט אויך און באַוואונדערט אים. איר געלעכטער פאַלט איבער אים אַזוי ווי קלאַנגען פון די גלעקלעך, וואָס הענ־גען אויף די העלדזער פון די שעפּסן אין פעלד, אָדער פייפל־געקלאַנג פון סטאַך דעם פּאַסטוך, אָדער גאָר ווי אָשר קלעזמערס פידל ווען ער צעשפּילט זיך אויף יידישע חתונות און דאָס געוויין און געלעכטער פון דער פידל גרייכט אַרויס איב־דרויסן און דערגייט צו זייבע ווענלוול לייבס אויערן. נאָר וואָס עס זאָל ניט זיין, איז איצט גאַנץ פריילעך און אַלע קוקן זיך אום איצטער אויף אים, אַבי מען האָלט אים בלויז פאַר אַ שטאָט־נאַר, אַ וואַסער־טרעגער, אַן אָקסן־טרייבער; אַט קען ער גאָר ווערן אַ צירק־פּאַיאַץ, פאַרדינען געלט און מאַכן פריילעך אַנדערע מענ־טשן קען צונויף;קומען פאַר עפּעס אַנדערש, ניט בלויז שלעפּן וואַסער אין באַלעבאַ־טישע שטובן אַריין, אָדער שלעפּן זעק אין הויכן זלמנס מיל, אָדער שאָבן פעלן אין כאַצקלס גאַרבעריי — אַט און ער קען דערהויבן ווערן צו אַ גדולה.

— איך... איך הייס ווענלוול לייב — האָט ער גענומען שטאַמלען צו דער שיינער פרוי, וואָס די האָר האָבן איצטער ביי איר געפלאַטערט ווי אַ גאָלדענער פעכער — איך וויל צוהעלפן, איך האָב צייט. איך האָב ליב אַ צירק, זייער ליב. איך האָב ליב לייבן און טיגערס, פּיפערנאָטערס, שלאַנגען און דאָס פּויקן פון מוזיק. עס ווערט פריילעכער.

ער האָט קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּן פון דעם שטראָם רייד, וואָס האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן. דאָס ערשטע מאָל רעדט ער צו אַ פרוי און זי הערט אים אויס און זי רעדט צו אים. ווער ווייס דאָ אין שטאָט צווישן אייגענע מיט אים ריידן? קיין איין מיידל קוקט ניט אויף אים, זיי אַנטלויפן פון אים ווי אַ שד פאַר ווייַרויך. ער איז פאַרשאָלטן מיט אַ קאַליקעפּנים, דער מיאוסטער מענטש אין שטאָט. מען לאַכט פון אים און מען האָט אים געקרוינט פאַרן שטאָט־נאַר.

— האָסט שוין אַמאָל געזען פערד טאַנצן? — זי האָט געלאַכט און איצטער געשטאַנען נאָענט פון אים, אַזש עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם פון דעם פאַרפיום וואָס האָט זיך פון איר געטראָגן. — איך בין אַ צירק־טענצערין. איך רייט אויף טאַנצנדיקע פערד, איך שפּרינג מיט די פערד דורך רייפן. האָסטו שוין אַמאָל געזען טאַנצנדיקע פערד?

ווען ער קען וואָלט ער געפאַלן צו אירע פיס און געוויינט, אַז ער איז גרייט די מינוט צו גיין פאַר איר אין פייער און וואַסער. זי זעט אויס ווי אסתר המלכה, ווי די מלכה שבא, ווי די זון אַליין. דאָס בלוט האָט אים געזעצט אין פּנים אַריין. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל איז ער געזעסן ביים ברונעם, עס האָט אים דעמאָלט ניט געגלוסט פּלומפּען וואַסער, דער מאַרק איז געווען אויסגעליידיקט,

קיין לעבעדיק נפש האָט מען ניט געזען. ער האָט זיך דעמאָלט צעוויינט, וועלוול לייב. אַ פרעמדער ייד איז אָנגעקומען און געפרעגט וואָס ער וויינט. האָט ער אים געענטפערט, ווייל ער האָט אַזאַ מיאוסן פנים. האָט דער ייד זיך צעשמייכלט און געזאָגט: יעדער מענטש איז באַשאַפן אין גאָטס געשטאַלט, היינט ווי אַזוי קען געמאָלט זיין אַ מיאוס פנים? האָט ער, וועלוול לייב, זיך געוואונדערט: וויאַזוי איז עס טאַקי מעגלעך? קען דען גאָט האָבן אַזאַ פאַרקריפּלטן פנים? האָט דער ייד ווידער געזאָגט שמייכלענדיק: — קיינער האָט נאָך גאָטס פנים ניט געזען, די קאַליקעס זיינען ביי אים אָנגענומען און באַליבט...

יענער האָט אויך געהאַט אַזאַ שיין קול, ווי דאָס מיידל מיט די רייט־הויזן אויפן לייב.

— איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין צירק, ניט געזען פערד טאַנצן.

— קום היינט אָוונט אין צירק, וועסטו מיך זען! מיין נאָמען איז טאָלאַ! העלף די מענטשן דאָ! מען וועט דיך באַלוינען, האָסט כוח פון אַן אָקס!

זי האָט זיך אַ דריי געטאָן און גענומען מאַכן טריט צו איר וואָגן־ביידל. זי האָט מיט דער רייט־בייטש געפאָכעט אין דער לופט און פאַרשוואונדן אַזוי שנעל ווי זי איז געקומען. וועלוול לייב איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט ער איז און ניט געקענט באַנעמען צי איז עס אַ חלום אָדער די וואָר. די קולות פון די אַרבעטער און די געלעכטערן האָבן אים אויפגעוועקט:

— העי, שטיי ניט אַ באַ'מלאכהטער! זי האָט דיר אַ כישוף אָנגעטאָן! ריר זיך! דער סלופּ שאָקלט זיך! וועסט זי נאָך זען, דו גולם אייבער! פאַרליב זיך נאָר ניט מיט דיין מאַלפּע פנים! זי האָט שוין אַזעלכע ווי דו אין די הונדערטער אויפגעפרעסן בלויז פאַר פרישטיק!

אַ צעטומלעניש איז אויף אים געקומען. ער האָט ניט געהערט די געלעכטערן און די רויע רייד פון דער חברה אַרום. דער כישוף פון דער יונגער פרוי, מיט איר קלינגענדיקן לשון און די רייד זיירע, וואָס זי האָט צו אים גערעדט ווי צו אַ גלייכן, האָבן אים צענומען. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט ברען.

— זי זעט אויס צו זיין אַ יידישע — האָט עס געהאַמערט אין זיין מוח — דער נאָמען, טאָלאַ, איז אויך אַ יידישער. ווי קען עס געמאָלט זיין אַ יידישע מיידל, אַ רייטערין אויף פערד אין אַ צירק צווישן אַזאַ גאַיעס? זי האָט זיכער געלאַכט פון אים. דאָך זאָל איר גאָט בענטשן.

* * *

די לייוונטן איבער דעם ריזיקן סלופּ זיינען שוין געווען אָנגעצויגן און פאַרבונדן מיט שטריק ביי אייזערנע הוקעס, וואָס זיינען געווען אַריינגעזעצט טיף אין דער ערד אין מיטן מאַרק. מען האָט שוין אַריינגעטראָגן בענקלעך, פון די וועגענער שוין אַראָפּגענומען די חיות מיט די שטייגן. ערגעץ האָט געזעצט אַ פּויק, פערד האָבן געהירזשעט און מחנות מענטשן האָבן זיך געדרענגט אַרום דעם גרויסן וואונדער: די פאַרוואַנדלונג פון אַן אָפּגעשוונדענעם מאַרק אין אַ צירק.

פאַרנאַכט האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט אַ חברה מיט צירק־שפּילער, כדי צו לאָזן וויסן קהל און דאָס פאָלק, אַז היינט אָוונט איז דער ערשטער ספּעקטאַקל. אַ יונג מיט צעריסענע פּלודערן, מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ און אַ גרויסער רויטער נאָז, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אַ פּאַפּוגאַי מיט אַ קאַלירן ווידל, האָט געזעצט אין אַ פּויק; אַ צווייטער האָט געריטן אויף אַ פערד באַדעקט מיט גאָלד און זילבער און טרומייטערט אָן אויפהער אין דער וועלט אַריין. אַ ריזיקער יונג האָט געפירט אַ בער אויף אַ קייט; אַ קליין מענטשעלע מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ האָט געפירט אַ העלפאַנט, וואָס האָט געגנישטערט מיט דער נאָז. אויפן קאָפּ פון אַ דיקער, איבערגעוואַקסענע פרוי מיט בערג בראַדאווקעס אויפן פּנים, איז געזעסן אַ קליין מאַלפּעלע, געקראַצט זיך אין הינטן פאַר אַלעמענס אויגן און געגנישטערט מיט די קליינע אויגן־שפּעלטעלעך אין אַלע זייטן. יונגען און מיידן אין פאַרביקע קליידער זיינען געלאָפן פאַראויס און געזעצט אויף קליינע פּייקעלעך. מען האָט צוזוויסן געגעבן דער שטאָט, אַז דאָס גרויסע וואונדער הויבט זיך אָן.

וועלוול לייב איז געווען אַריינגעקנוילט אין דער אַרבעט. ווען מען לאָזט אים וואָלט ער אַלעמען געקושט. ניט שטענדיק קומט אויף אַ מענטש אַזאַ אומ־געריכט גליק, אָט ווי ער איז אין אַן איינציקן טאָג געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. מען באַנוצט זיך מיט אים ווי מיט אַן אייגענעם. דער דירעקטאָר האָט אים געגעבן אַ פרייען בילעט פאַר אַלע טעג, ווי לאַנג דער צירק וועט זיין אין שטאָט און פאַר דעם דאַרף ער אַרבעטן עטלעכע שעה בייטאָג און עטלעכע שעה אין אָוונט. אַלע פון צירק האָבן אים פאַרזיכערט, אַז מען וועט אים מאַכן פאַר אַ פּאַלנעם לץ, ווייל אַזאַ פּנים צו געפינען ווי ער האָט, איז שוין גאַרניט פון די לייכטע זאַכן; ער לאַכט און וויינט צוזאַמען. וועלוול דוד איז אין זיין פאַרשעמט־קייט דערהויבן געוואָרן. מען קען טאַקע מיט זיין פּנים מאַכן לאַכן אַנדערע מענטשן. מען וועט צופאַרבן דאָ און דאָרט, צושמירן מיט אַ שמירעכץ, אָנטאָן אים אַ צילינדער, מיט אויפגעבלאָזענע פּלודערן, די נאָז זיינע אַ סך, אַ סך מאָל פאַרגרעסערן, און ער וועט זיין מיט אַלע פּאַיאַצן גלייך.

דאָס שפּילעכץ האָט זיך אָנגעהויבן: פּויקן און טאַצן האָבן געזעצט; די חיות האָבן געברומט, געוואָיעט, געשריגן. די שפּילער זיינען געווען אָנגעטאָן אין קליידער פון אַלע קאָלירן; טראָמפּייטן האָבן געשאַלט, די טענער האָבן זיך גע־טראָגן איבערן מאַרק. אין מיטן צירק איז געשטאַנען אַ גרויסע שטייג פון אייזערנע דרענגלעך, וואו איינער אַ מאַן האָט מיט אַ בייטש אין האַנט געררייצט און געטריבן אַ לייב, וואָס האָט געמוזט שפּרינגען אַזוי ווי דאָס בייטשל האָט געוואָלט.

וועלוול האָט געגאַפט פון די וואונדער, וואָס קייקלען זיך פאַר זיינע אויגן. ער האָט מיט די אויגן געזוכט די פערד־טענצערין, טאַלאַ, מיט איר גאָלדענעם קאָפּ. ער איז שוין אפילו משעה אייגענער אַרומגעקראָכן הינטער די בענק, די סלופּעס. פּלוצלינג האָט אים אַ פייער אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן. ער האָט געזען די פערד־טענצערין אין דעםביידל ביים אַריינגאַנג צום צירק. זי האָט זיך איבערגעטאָן; עס האָט אים אַ בלענד געטאָן אַ שטיק נאַקעט לייב פון איר, די מלכה שבא. ער איז געבליבן שטיין צוגעשמידט צום אָרט. זי האָט דערזען ווי ער קוקט אַ באַנומענער, האָט זי זיך צעשריגן:

— וואָס גלאָצסטו, גולם איינער! האָסט נאָך ניט געזען אַ נאַקעטן פוס פון אַ פרוי? גיי צו דיין אַרבעט!

אפילו דאָס בייזע געשריי פון איר האָט אין זיינע אויערן געקלונגען ווי מוזיק. ער איז געבליבן שטיין אין אַ זייט אַ פאַרשטאַרטער פאַר התפעלות. אין עטלעכע מינוטן איז זי אַרויסגעקומען געקליידט אין גאָלד, זילבער, סאַמעט און זייד. מען האָט צוגעפירט אַ פערד. זי האָט זיך געשיקט אַרויפגעזעצט און אַוועק אין גאַלאָפּ איבערן צירק. די פייקלעך, די טראָמפּייטלעך, די גלעקער, די טאַצן האָבן געשאַלט געשפּילט געקלאַפּט. זי האָט זיך פאַרנויגט פאַרן פובליקום. דאָס פערדל האָט זיך געטראָגן אין אימפּעט; זי האָט זיך מיט די שפּיצן־פינגער אויפגעשטעלט און געטאַנצט אויפן פערדס רוקן. עס האָט אויסגעזען ווי זי טאַנצט און רייט שוועבנדיק. די האָר זיינען ביי איר געווען צעלאָזט דאָס גאָלד און זילבער האָט אויף איר שעמערירט קעגן די ליכטער. דאָס פובליקום האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

דאָס האַרץ האָט ביי וועלוול לייבן געזעצט אינווייניק און געווען גרייט אַרויס־צושפּרינגען. ער וואָלט מיט דער גרעסטער פרייד אין דער מינוט אָפּגעגעבן זיין אָרעם לעבן פאַר איר, בלויז פאַר אירס אַ וואָרט, און דאַ טראָגט זיך דאָס פערדל ווילד און אימפּעטיק צום טאַקט פון דער מוזיק. ביידע, די רייטערן און די חיה, שוועבן אין דער לופט, אַזש עס שפּריצן פונקען פייער.

דער יונג האָט שוין מער זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. אַן אומרו האָט זיך אין אים באַזעצט. מחנות שדים האָבן אים געפייניקט. וואַכנדיק און אין שלאָף האָט ער נאָר געזען די רייטערין. ער איז שוין פונם צירק ניט אָפּ־געטראָטן און מען האָט אים באַוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ. דער דירעקטאָר האָט אים שוין צוגעזאָגט אַ שטעלע און מען וועט אים מאַכן פאַר אַ פּאַיאַץ, האָט ער וועלוול לייבן פאַרזיכערט. און וועלוול לייב האָט שוין אַוועקגעוואָרפן די וויאַדרעס, אויפגעהערט זיך שעמען מיט זיין פאַרקריפּלטן פּנים; פאַרקערט, דאָס פּנים האָט דאָך אים געבראַכט צו דער איצטיקער גדולה. אין שטאָט האָט מען אויף אים אָנגעהויבן קוקן אַביסל דרך־ארצדיק.

זי איז בייטאָג אַרומגעגאַנגען אין אירע רייט־הויזן מיט דאָס בייטשל אין האַנט. זי האָט וועלוול לייבן צוגעוואָרפן אַ סיגאַרעטל, אַ געלעכטערל, אַ לייכטן שמיץ מיטן בייטשל איבער זיין פּלייצע, אים גערופן „מיין פּאַיאַץ," אפילו אים געפרעגט ווי ער הייסט, צי ער איז פאַרליבט, צי ער וויל ווערן אַ צירק־מענטש און פאָרן מיט זיי איבער דער מדינה, צי ער האָט ניט מורא פאַר פערד און חיות.

ער איז געווען אומגעלומפּערט מיט די ענטפערס, געשראָקן זיך צו קוקן איר אין פּנים אַריין. וויאַזוי קען מען טאַקי קוקן אַ מלכה שבא אין פּנים אַריין? נאָר אַ שלמה המלך קען זיך דאָס פאַרגינען, אָבער ניט ער, וועלוול לייב. ער האָט אויף אַלע אירע שאלות געענטפערט יאָ און שטילערהייט געבענטשט דעם טאָג, וואָס דער צירק איז געקומען אין שטאָט אַריין.

שוין פיר טעג איז דער צירק געשטאַנען אין מיטן מאַרק. אינם פרימאָרגן פון דעם פערטן טאָג האָט גענומען שטאַרק רעגענען, פשוט אַ מבול פון הימל. די לייוונטן איבער דעם צירק־ביידל זיינען געוואָרן שוואַרץ און געשוואָלן פון דעם כליאַפּ וואָס פאַלט איבער זיי. דער סלופּ האָט זיך געשאָקלט אין ווינט און די אָנגעצויגענע לייוונטן האָבן זיך געוואָרפן. אויף דער ערד צווישן די ברוקיר־

טע שטיינער זיינען געשטאַנען קאַלוזשעס וואַסער, קיין לעבעדיק נפש האָט מען ניט געזען אין מאַרק.

די אַרבעטער האָבן באַפעסטיקט די אייזערנע האָקנס, וואו די שטריק זיינען געווען צוגעבונדן און געהאַלטן די לייוונטענע פּלאַכטעס. וועלוול לייב האָט זיך געריסן פון די כוחות און באַפעסטיקט, פאַרבונדן. ער האָט געקעמפט מיטן ווינט און דעם מבול.

אַ גאַנצן טאָג האָט דער רעגן אונטערגעשווענקט די צירק־ביידלעך. אין אָוונט איז פאַרגעקומען דער ספּעקטאַקל: לאָמפּן האָבן געברענט, די מוזיק האָט געזעצט, די פּאַיאַצלעך האָבן געפּראַוועט חוזק־שטיק און דער רעגן האָט געוואָיעט און געפּייפט.

ווידער האָט דער לייבן־טרייבער אין דער שטייג דרעסירט די חיות און ווידער האָט טאַלאַ די רייטערין זיך געלאָזט אין ווילדן גאַלאָפּ מיט די צעשוי־בערטע גאָלדענע האָר איבער דער רונדקייט פון דער צירק־אַרענע.

געווײנלעך פלעגט זי יעדן אָוונט, נאָכן דורכרייטן אַ צוויי מאָל די אַרענע, שפּרינגען מיטן פערד דורך עטלעכע רייפן, וואָס זיינען געווען באַפעסטיקט מיט שטריק ביי די אַריינגעזעצטע סלופּעס. אויך היינט האָט זי זיך געטראָגן אויפן פערד ווי געיאָגט פון מחנות שדים. פּלוצלינג האָט אַ סלופּ זיך צעקרעכצט און אַ חליאַפּ וואַסער האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון ־ער דאַך־לייוונט אינם צירק־פּוב־ליקום. דאָס פערד אין דער גראַציעזער פלינקייט איז אַריינגעשפּרונגען אין דער ערשטער רייף. טאַלאַ האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער רייף, אַ טאַנץ געטאָן אין דער לופט און אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערדס רוקן. זי האָט געדאַרפט דורכשפּרינגען פינף רייפן. די מוזיק האָט געזעצט; מענטשן האָבן געקוקט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. ווידער האָט דער הויפּט־סלופּ אַ קרעכץ געטאָן, אָבער דער קרעכץ איז פאַרזונקען אין די זעץ פון די פּויקן און טרומפּייטן. וועלוול לייב, וואָס האָט נאָכ־געשפּירט מיט די אויגן די צירק־רייטערין אויפן פערד, ווי אַ געטרייער הונט דעם באַלעבאָס, האָט דערפילט די סכנה און מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט האָט ער זיך דורכגעריסן צום אָרט פון די רייפן. ער איז אָנגעקומען אין דער זעלבער רגע, ווען זי איז אַריינגעשפּרונגען מיט דעם פערד אין דעם רונדן אויסהויל פון אַ רייף, און מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט די רייף. אין דער זעלבער רגע האָט אַ זייטיקער סלופּ זיך איינגעבראָכן, צוליב דער שווערקייט פון וואַסער אינם גרוב און איבער דער דאַך־לייוונט. זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד, וואָס איז געוואָרן צעיושעט, ווילד און האָט זי אַ שלייַדער געטאָן אין דער לופט. פון דעם שליידער האָט זיך איר פוס פאַרטשעפּעט אינם זאָטל פונם פערד און איין האַנט האָט געשיקט אָנו אַנגסטיק אַ כאַפּ געטאָן די רייף, וואָס האָט זיך צוליבן אויסבויג פון דעם זייטיקן סלופּ איצטער איינגעבראָכן. עס איז געווען דער רגעדיקער אינסטינקט צו אַנטרינען פון ־ער טויט־סכנה.

וועלוול האָט זיך אַ בליץ־שנעל אַ וואָרף געטאָן אונטער דעם פערדס פיס און אויף אַ פיצל פון אַ רגע עס פאַרהאַלטן מיט זיינע אייזערנע אָרעמס. די רייטערין האָט דערוויַיל אַרויסגעריסן דעם פוס אירן פון דעם זאָטל און געפאַלן מיט דער רייף אויף דער ווייכער ערד. וועלוול לייב האָט אויפגעכאַפּט איר געשריי אין יידיש: ראַטעווע זיך, גולם ! דאָס פערד... אַלץ צוליב מיר... זי איז שוין געווען געראַטעוועט פונם פאַל אויף דער ווייכער ערד. ער האָט שוין מער ניט געהערט

אירע שרייענדיקע רייד. דאָס פערד — צעיושעט, צעקאַכט, האָט מיט די אייזער־נע קאָפּיטעס געטראָטן איבער זיין לייב און פּנים און צעזעצט אים דעם שאַרבן.

די מוזיק האָט אַלץ געשפּילט. די פּויקן און דער טראָמבאָן האָט געריסן די לופט און פאַרהילכט די געשרייען פון פּובליקום. עטלעכע זייטן־סלופּעס האָבן מיט אַ קרעכצעניש זיך איינגעבראָכן און די רעגן־וואַסערן, גאַנצע קאַלו־זשעס, האָבן פון די שווערע באַדעק־לייוונטן געפּליוכעט איבער דעם צע׳בהלה׳טן פּובליקום.

מען האָט וועלוול לייבס טויטן קערפּער אַראָפּגעטראָגן פון דער צירק־אַרענע. זיין פּנים — אויפגעריסענע וואונדן, אויסגעשמירטע אין בלוט. מען האָט ניט געקענט זען צי עס האָט אַ גרימאַסע פון געוויין, צי פון געלעכטער; צי עס וויינט וועלוול לייב דער שטאָט־נאַר און וואַסער־טרעגער, צי גאָר עס לאַכט דאָס פּנים פון דעם וועלוול לייב, וואָס האָט געזאָלט אויפגעריכט ווערן, פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ צירק־לץ, כדי צו מאַכן פריילעך אַנדערע און דערגאַנגען קוים צום ערשטן שטאַפּל פון זיין גדולה.

---

**שלמה שוואַרץ**

# דער באַנייטער הונגער

די יונגע אויסגעפּוצטע ביימער
גאָרן ווידער פאַרוואַלדיקט צו ווערן.
דער באַנייטער הונגער פון פרילינג
האָט זיי אַלעמען געטראָפן.

די מאַמע שוואַלב זינגט דאָס ניי־געזאַנג
פון טויזנט לידער.
די אויפגעוואַכטע ביימער זינגען מיט
דאָס ליד פונעם יונגן רעגן.

די שטאָט גלאַנצט אויפסניי.
די קינדער, באַפאַרבט מיט זון,
מעסטן אָן דעם נייעם בראשית
פון אויפגעגאַנגענער ברכה.

צווישן די שטאָטישע שטיינער — די איינזאַמקייט צעגייט.
די נייע ביימער וואַקסן אויף צום קלאָרן הימל־דאַך.
און אַלע פעלדער טרינקען פון יונגע בלעטער
דעם געפאַנגענעם רעגן.

(שיקאַגאָ, איל.)

י. פרידלאַנד

# חיה׳לע די צדקת

## (דערציילונג)

הערט איר, ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנד׳ וואו דער ווייטער עבר מיט דעם צאַפּלענ־דיקן היינט באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים.

אונדזער לאַנד איז שיין אָבער קליין, איז וואו איינער זאָל זיך ניט אַ קער טאָן וועט ער, פריער־שפּעטער, אַנטרעפן זיך מיט אַן אַלט שוין באַלד פאַרגעסענעם פריינט, אַ בן־עיר, פון די נייע עולם, אָדער גאָר גאָר מיט איינעם פון די אַלט־איינגעזעסענע ותיקים, וואָס זיינען אַריבערגעקומען אַהער נאָך מיט דער ערשטער אָדער צווייטער עליה.

מיינער אַ ווייטער קרוב האָט מיך אַרומגעפירט ווייזן די וואונדער און די אויפטואונגען פון אונדזער אַלט־ניילאַנד, און האָט מיך אויך אַריינגעבראַכט אין אַ הויז, אין תל אביב, צו איינעם אַ ותיק מיטן נאָמען „גור״ וואָס, ווי מיין קרוב האָט מיר דערציילט, איז ער טאַקע אַ בן־עיר — פון קאַרלין.

ניט איך געדענק אמי פון דער אַלטער היים, און ניט ער האָט געהערט פון מיר, מחמתביידן האָט דער גורל פאַרוואָרפן אין צווי באַזונדערע קאָנטינענטן, אים — אין אַלטן ארץ ישראל, און מיך — אין אַמעריקע.

די שטוב פון אַט־דעם אָדון „גור״ האָט אויף מיר געמאַכט אַ באַזונדער גוטן איינדרוק: שיין און רחבותדיק מעבלירט מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, און אויף אַלץ האָט מען געקענט זען דעם חותם פון גוטן געשמאַק. ס׳האָט זיך געפילט, אַז די דאָזיקע משפחה איז שוין דאָ פון די איינגעסענע אָז ןאיינגע־וואָרצלטע פון כמה יאָרן.

אַז מיין קרוב האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר דעם אָדון פון שטוב, אַז איך בין אַ קאַרלינער, האָט ער זיך ממש דערפרייט און מיך גענומען אויספרעגן פון אונ־דזער שטעטל: ווי לאַנג כ׳בין שוין פון דאָרטן, און וועלכע פון די אַנגעזעענסטע משפּחות דאָרטן מיר איז באַקאַנט.

קיין סך ידיעות פון דער אַלטער היים, נאָך וועלכער ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע נאָסטאַלגיע, האָב איך אים ניט געקענט איבערגעבן, מחמת דאָס רוב פון די משפּחות דאָרטן געדענק איך קוים; זיי זיינען פאַר מיר כמעט ווי פאַרנעפּלט . . .

דערהערנדיק אַז זיין נאָמען איז „גור״, האָב איך מאָמענטאַל אַ טראַכט גע־טאָן; מסתמא האָט ער אויך זיין היימישן נאָמען משנה־השם געווען. אין ישראל, כידוע, בייט מען דאָך די נעמען; מען וויל הפּנים וואָס מער אָפּווישן יעדן זכר פון גלות. אָט ווי למשל פון טשערטאָק איז געוואָרן שרת; פון רובאַשאָוו — שזר, וכדומה.

קאַרלין, הגם אַ קליינע שטאָט, איז אָבער געווען פאַרשעמט מיט אירע שיינע פאַרמעגלעכע משפחות און „גוטע יידן״: ר׳ דודל קאַרלינער; ר׳ אַרעלע קאַרלינער; די באַוואוסטע לוריעס און אַנדערע. האָב איך זיך געמוחט: וואָס אַ שטייגער איז טאַקע געווען זיין היימישער נאָמען? כ׳בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז דער נאָמען „גור״ האָט אַוודאי זיין שורש אין אַ נאָמען פון דער אַלטער היים. כדי זיך איבער־

צוציייגן אין מייך השערה און אויך שטילן מיין נייגיר, האָב איך אים, ווי מיט זיכערקייט, אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, חשובער אדון גור, קענט איר מיר אפשר זאָגן אייער היימישן נאָמען, איידער איר האָט אים משנה השם געווען?

— אַוודאי וועל איך אייך זאָגן, מיין פיינט: מיין היימישער נאָמען איז געווען גורעוויטש לוריע. זועט איר זיך מסתמא וואונדערן, וואָרים דווקא אי גורעוויטש אי לוריע?! וועגן דעם, זעט איר, איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע. אויב די צייט דערלויבט וועל איך עס גערן דערציילן.

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועלן דערציילן די זכרונות פון זיין פאַמיליע־כראָניק איז ביי אים אַ געוויסע נאָסטאַלגישע באַפרידיקונג...

— אַדרבא ואדרבא! — האָב איך זיך געבעטן ביי אים צו דערציילן.

ער האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל און אויך אויסשטרעקנדיק פאַר מיר איינעם, האָט ער אָנגעהויבן די סיפור־המעשה.

ומעשה שהיה כך היה: זלמנקע חריף, אַזוי האָט מען גערופן מיין פאָטער ע״ה יינגלוויז, מחמת ער איז געווען אַ מתמיד אַ לערנער, אַן אמתער עילוי. די מוטער זיינע, מיין באָבע ע״ה איז פרי געבליבן אַ יונגע אַלמנה, אָן קרובים און אָן פריינט. כדי זיך און דעם יינגל מפרנס צו זיין פון עפּעס, האָט זי זיך גענומען צו פאַרקויפן צו די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, אַמאָל אַ שאָק אייער אויף יום־טוב, אַן עוף אויף שבת וכדומה; צוליב דעם האָט מען טאַקע איר גערופן ביי אונדז אין שטעטל — חיה די „קורלאַפּניצע.‟ אָבער ווי אָרעם און קלעגלעך אירע פאַר־דינסטן זיינען געווען, האָט זי דאָך איר זלמנקען, מיין טאַטן הייסט עס, געשיקט צום בעסטן „נגידישן‟ מלמד לערנען.

עטלעכע פון די נגידישע באַלעבאַטים, צווישן זיי איינער פון די לוריעס, דער רייכסטער, איז הפּנים ניט אָנגעשטאַנען וואָס חיה די „קורלאַפּניטשקעס‟ יינגל לערנט זיך ביים זעלביקן מלמד וואָס זייערע יינגלעך. צוליב דעם, הייסט עס, חברן זיי זיך מיט אים און דאַרפן מיט אים זיצן ביי איין טיש אין חדר. האָבן אָט־די „שיינע‟ באַלעבאַטים איינמאָל זיך מישב געווען און געלאָזט וויסן ר׳ אָשרן דעם מלמד, אַז אויב ער וועט ניט אַוועקשיקן פון חדר דער „קורלאַפּניטשקעס‟ יינגל, וועלן זיי אַוועקנעמען פון אים זייערע יינגלעך, און ער וועט, פאַרשטייט זיך, בלייבן אָן אַ קנעלונג.

ר׳ אָשר מלמד האָט הפּנים קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און האָט דעם אָרעמען יינגל, חיהלעס, מיט ניט ווייניק צער פאַר זיך, דאָך אַוועקגעשיקט.

חיהלע איז אָבער ניט געווען פון די, וואָס לאָזן אַן אומיושרדיקע האַנדלונג שטיל פאַרבייגיין און אַראָפּשלינגען. זי איז תיכף אַוועקגעלאָפן צום רב אליעזר משה, פאָדערן אַ דין־תורה.

ס׳איז געווען אַ הייסער נאָכמיטאָג. דער רב האָט געהאַט זיך צוגעלייגט פאַר אַ דרימל. ר׳ יחיאל דער שמש האָט לכתחילה זי גאָרניט געוואָלט אפילו אַריינ־לאָזן. חיה איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן. זי מוז תיכף זען דעם רב — ער מוז זי אויסהערן:

— אַן אומגעהערטער אומיושר איז מיר געטאָן געוואָרן! — האָט זי ניט אויפגעהערט צו שרייען.

דער רב פון יענער זייט טיר, האָט דערהערט די קולות און די אַמפּערונג

פון עפּעס אַ יידענע, האָט ער האַלב געעפּנט די טיר פון זיין חדר מיוחד, אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ און געפרעגט ביים שמש:

— יחיאל, וואָס גייט דאָ אָן, וואָס? וואָס איז דאָ פאַר אַ מחלוקת?...

חיה, דערהערנדיק דעם רב, האָט זיך אַביסל באַרואיקט, און האָט דערנאָך שטיל און פּרטימדיק דערציילט דעם רב וואָס ס'האָט פּאַסירט: די האַנדלונג פון די „שיינע" נגידישע באַלעבאַטים קעגן איר, דער אָרעמער אַלמנה.

— רבי, איך וועל ניט אָפּטרעטן פון דאַנען, ביז איר וועט מיר ניט מבטיח זיין, אַז איר וועט זיי, די „שיינע" באַלעבאַטים תיכף רופן צו אַ דין־תורה.

דער רב האָט נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת מיט זיך, אַ זאָג געטאָן צום שמש:

— יחיאל, זיי זיך מטריח און גיי אַריבער צו ר' אשר מלמד און צום גרויסן גבריאל אדיר, ר' זרח לוריע, און אויך צו די אַנדערע באַלעבאַטים: ר' שמואל קאַמינקער און ר' ברוך דראַכמער, און זיי זאָלן תיכף ומיד אַריבערקומען צו מיר מיט זייערע יינגלעך, און מי וועלן געבוי קענען אויסהערן די טענות און קריוודעס פון ביידע צדדים.

פון חיהלעס רייד האָט דער רב תיכף ומיד געזען אַז זי איז די גערעכטע, אַז אַ גרויס אומרעכט איז קעגן איר באַגאַנגען געוואָרן. ער האָט אויך פון אירע רייד אַרויסגענומען, אַז ער האָט פאַר זיך ניט סתם עפּעס אַן אָרעמע דערשלאָגענע אַלמנה, וואָרים ווי אָרעם חיה איז געווען אין איר אויסזען, איז זי אָבער רייך געווען אין איר למדנות; מיט שטאָלץ און חשיבות האָט זי געמאָנט יושר און צדק, צו וואָס זי איז געווען באַרעכטיקט.

זי האָט דערמאָנט די נגידישע שיינע באַלעבאַטים, אַז ביי גאָט איז ניטאָ קיין יחסנים — אַלע זיינען פאַרן רבונו של עולם גלייכע מיוחסים:

— „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם, והתורה לישראל עמו" — האָט זי אַריינגעוואָרפן דעם פּסוק. — מיין זלמנקע, זאָל מיר לעבן און געזונט זיין! — האָט זי אויסגערופן מיט גרויס איפער — איז אַזוי באַרעכטיקט צו לערנען גאָטס תורה ווי זייערע יינגלעך! בפרט אַז איך צאָל שכר לימוד ניט ווייניקער ווי זיי.

דער רב, אויסהערנדיק אירע טענות און גערעכטע תביעות, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, מרת חיה בת ר' אברהם, וויפיל פאַרדינט איר אַ וואָך פון אייער פּרנסה?

— הם... מ'שטיינס געזאָגט, וואָס איך פאַרדין! אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן. דאָס וואָס איך פאַרדין אַ גאַנצע וואָך וואָלט ניט גענוג געווען פאַר איינעם פון „זיי" — אַנוויינזנדיק אויף די באַלעבאַטים — אויף איין אָנבייסן.

— כ'פאַרדין קוים אויף מיין אויסקומעניש, פינף רובל אַ וואָך. איז האַלב פון דעם גיב איך אַוועק אויף מיין זלמנקעס שכר־לימוד.

דער רב האָט דערנאָך פאַרהערט חיהלעס אַכט־יאָריק יינגל, זלמנען, און אויך די נגידישע יינגלעך, און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זלמנקע, חיהלעס בן־יחידל, וואָס שייך וויסן און פאַרשטיין וואָס ער האָט געלערנט, איז געשטאַנען אַ סך העכער פון די גבירישע יינגלעך — טאַקע אַן אמתער עילוי. שוין לאַנג, לאַנג, האָט דער רבי געזאָגט, אַז ער האָט אַזאַ חריפיש קעפּל פאַרהערט. אַגב, זינט דאַן האָט מען אָנגעהויבן רופן דעם יינגל „זלמנקע חריף". דער רב איז געבליבן זיצן פאַרדמיונט. אַלע אין צימער ביים רב זיינען געזעסן אין אַ פאַרגליווערטער

שטילקייט, דערוואַרטנדיק דעם רבס תשובה אָדער פּסק־דין. דער רב האָט מיט־אַמאָל ווי אויפגעכאַפּט זיך פון זיינע דמיונות און געווענדט זיך צו די באַלעבאַטים:

— הערט אויס, מיינע בכבודיקע יידן! איר ווייסט, אַז אַן אומיושר איז גע־טאָן געוואָרן דער אָרעמער אַלמנה, חיה בת אַברהם, מצד אייך. כדי צו פאַרריכטן אייער טעות און פאַרגיטיקן דעם אומיושר, וויל איך אייך מתרה זיין, אַז דעם פּסק־דין וואָס איך גיב איצט אַרויס, זאָלט איר תיכף ומיד, בלי שום תירוץ, אויספירן.

ראשית דאַרף איר ביישטייערן אַ מנה יפה, כדי צו באַקליידן און באַשיכן דעם יינגל חיהלעס, אַזוי שיין און אַזוי לייטיש, ווי אייערע אייגענע קינדער.

והשנית — דאַרף איר אויך זען, אַז אייערע יינגלעך זאָלן אין חדר ביים רבין, ניט האַלטן זיך פאַר קיין גרעסערע מיוחסים פון זלמנקען. אייערע יינגלעך קענען פון זלמנקען אַ סך, אַ סך לערנען.

דעם רב איז הפנים טשיקאַווע געווען אויך צו וויסן, ווי קומט צו אָט־דער אָרעמער אַלמנה, חיה די „קורלאַפּניטשקע", צו זיין אַזאַ יודעת ספר? האָט ער טאַקע, אַגב אורחא, זי אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, מרת חיה בת אַברהם, אייער באַהאַוונטקייט אין די „שוואַרצע פינטעלעך" האָט מיך געמאַכט זיך גאָר שטאַרק חידושן. קענט איר מיר אפשר עפּעס דערציילן מכוח דעם אופן און וואו איר האָט געלערנט?

— יאָ, חשובער רבי — האָט חיה מיט צופרידנקייט אים געענטפערט — אַוודאי וועל איך אייך גערן דערציילן: מיין פאָטער ז"ל איז געווען אַ מלמד, אָט ווי ר' אָשר, און געקנעלט האָט ער מיט זיינע תלמידים חומש און רש"י און גמרא. פלעג איך, אַלס קליין מיידל נאָך, כסדר שטיין פון דער זייט און זיך גוט איינהערן צום לימוד. שבת ביינאַכט פלעג איך בעטן דעם טאַטן מיינעם, ער זאָל מיך פאַר־הערן און איבערלערנען אַלעס וואָס איך האָב אין וואָכן־טעג אויפגעכאַפּט. און אַזוי איז עס עד היום הזה ביי מיר פאַרבליבן. אוי, ווען ניט די בידנע דאָליע פון אַ פינצטערער אַלמנה, וואָס דאַרף האָרעווען און פראַצעווען כדי מפרנס צו זיין מיין קינד און אויף שכר־לימוד פאַר זלמנקען, וואָלט איך נאָך אויך איצט אַריינ־געקוקט אין אַ ספר.

די באַלעבאַטים, פאַרשטייט זיך, האָבן אויסגעפאָלגט דעם פּסק־דין פונם רב און ס'איז געוואָרן שלום ושלוה...

ויהי היום, אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער גביר־אַדיר, ר' זרח לוריע, געליטן אַ גרויסע צערפולע אבידה. נאָך אַ קורצער קראַנקהייט איז ביי אים זיין פרוי געשטאָרבן. איז ער פאַרבליבן אַן אַלמן מיט אַן אַכט־יאָריק בן־יחידל, אַ יתום אָן אַ מאַמע. די אשה פון ר' זרח לוריע האָט פאַר איר פּטירה געלאָזט אַ צוואה, אין וועלכער זי האָט אָנגעזאָגט, אַז איר מאַן, ר' זרח לוריע, זאָל באַלד נאָך שלושים חתונה האָבן מיט אַ פרומער פרוי, וועלכע זאָל קענען זיין אַ געטרייע מוטער צו איר איינציק איבערגעבליבענעם יתומל. ווען ר' זרח לוריע האָט נאָך די שלושים זיך אַדורכגערעדט מיטן רב מכוח דער צוואה, וואָס זיין פרוי האָט איבערגעלאָזט, איז דעם רב מיטאַמאָל דורכגעלאָפן אַ מחשבה:

— וואָרום ניט משדך זיין חיה די „קורלאַפּניטשקע" מיטן גביר לוריע?!..

וואָס מער דער רב האָט זיך פאַרטיפט אין דעם ענין, אַלץ קלאָרער און גלייכער האָט דער שידוך צו אים אויסגעזען. דעם רב, הפנים, האָט שוין די דאָזיקע מחשבה ניט אָפּגעלאָזן, האָט ער אין אַ שיינעם טאָג געשיקט רופן צו

זיך די פרוי, חיה גורעוויטש, די אַלמנה, און פֿאַרפֿירט מיט איר אַ זייער ערנסטן שמועס, מכוח איר עלנטן מצב און תכלית, סיי פֿאַר זיך און סיי פֿאַר איר בן־יחידל און לסוף האָט ער פֿאַר איר מגלה געווען זיין געדאַנק: צי זי וואָלט ניט מסכים געווען צו אַ שידוך צווישן איר מיטן גרויסן גביר־אדיר, דעם אלמן ר' זרח לוריע? טאַקע מיט דעם זעלביקן לוריע, מיט וועלכן זי האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט אַ דין־תורה...

חיהלע האָט געלאָסן אויסגעהערט דעם רב, איז אָבער ניט שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון דעם פֿאָרגעשלאָגענעם שידוך. זי האָט אָבער, נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, דאָך געגעבן דעם רב אַ קלאָרע, נאָכגעטראַכטע תשובה:

— מיין הסכמה צו אַ־דעם שידוך— האָט זי געענטפערט דעם רב, קען איך אייך געבן נאָר מיט איין תנאי: היות ר' לוריע איז אַ ייד אַן עושר, וויל איך, ראשית כל, ער זאָל מיר סילוקן דעם נדן, וואָס מיר קומט על פּי דין. דאָס געלט וויל איך חלילה ניט פֿאַר זיך. מיט דעם געלט וועל איך אויפריכטן די אָפּגעלאָזענע תלמוד תורה אונדזערע, די קינדערלעך באַזאָרגן מיט שיכלעך און מלבושימלעך, אויך זיי זאָלן האָבן אָפּצועסן צו דער וואָט. מען וועט אויך דאַרפֿן אונדזער אַלטע קלויז אויסריכטן און אַריינברענגען לערנער, ישיבה־בחורים, אַזוי אַז אונדזער קלויז זאָל טאַקע אויף אַן אמת ווערן אַ בית־הספר, וואו עס זאָל זיך כסדר דאַרטן הערן דאָס וואָרט פון אונדזער תורה הקדושה.

והשנית — וויל איך, אַז ר' זרח לוריע זאָל זיך מתחייב זיין צו האַלטן מיין זלמנקע ווי אַן אייגן קינד, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן אַז איך זאָל פֿאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ מוטער פֿאַר זיין אַריהלען, אַזוי אַז ער זאָל זיין אַ געטרייער פֿאָטער צו מיין קינד.

דער רב האָט אויסגעהערט די פֿאָרגעבראַכטע תנאים פון חיהלען און ס'איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן איר הסברה. טאַקע נאָר ווי אַן אשה צנועה וחכמה קען נאָר פון אַזעלכע מעשים טובים האָבן אין זינען. אַלץ וואָס זי וויל איז טאַקע נאָר לטובת הכלל.

דער רב האָט נאָכדעם אַריינגערופן דעם שמש זיינעם און אים באַפוילן:

— זיי אַזוי גוט, יחיאל, גיי אַריבער צו ר' זרח לוריע, ער זאָל אַריבערקומען צו מיר ווען ער וועט האָבן צייט. איך וויל זיך מיט אים דורכשמועסן מכוח אַ שידוך וויכטיקן ענין. ווען לוריע האָט דערהערט פונם רב די רייד מכוח אַ שידוך צווישן אים און חיה די „קורלאַפּניטשקע" איז ער לכתחילה זייער שטאַרק מבולבל געוואָרן פונם בלויזן איינפֿאַל פון רב; ער האָט ניט געקענט גאָר משיג זיין דעם געדאַנק אפילו:

— וואָס הייסט, איך, זרח לוריע דער גביר־אדיר, דער גרויסער עושר, זאָל זיך גאָר משדך זיין מיט דער אָרעמער אַלמנה — חיה די „קורלאַפּניטשקע"!? עס האָט אים ממש שאָקירט!

ער האָט ניט געוואוסט, צי זאָל ער לאַכן, צי זאָל ער וויינען...

— וואָס אַ רב קען איינפֿאַלן — האָט ער אין דעם מאָמענט, ווי פֿאַר זיך אַליין אַ מורמל געטאָן...

דער רב האָט אָבער פֿאַרשטאַנען לוריעס איצטיקע מחשבות, האָט ער מכוח דעם איצט ניט געוואָלט פיל מאריך זיין; ער האָט אָבער אים באַרואיקט און געהייסן אים גוט נאָכטראַכטן דעם ענין.

— גייט אַהיים, ר' זרח, טראַכט זיך גוט אַריין מכּוח אייער אייגענעם איצ־טיקן מעמד; וועגן אייער קינד אָן אַ מאַמען, וועגן דער צוואה פון אייער פרוי. און אַז איר וועט זיך גוט אַריינטראַכטן אין מיינע רייד, און טאַקע אויך וועגן און מעכטן די אַלע מידות טובות פון חיה גורעוויטש, האשה הצנועה והחכמת. און בעיקר אַז זי וועט אַוודאי זיין אַ גוטע מוטער צו אייער אַריהלען, אין דעם דאַרף מען גאַרניט ספקן. ווען איר וועט אָט־דאָס אַלץ האָבן אין זינען, וועט איר דעם גאַנצן ענין דערזען אין גאָר אַן אַנדער ליכט.

— גייט ר' זרח אַהיים, דענקט זיך גוט איבער און קומט צו מיר אין עטלעכע טעג אַרום מיט אַ תשובה.

פאַר עטלעכע טעג און נעכט האָט ר' זרח לוריע רק געטראַכט מכּוח דעם שידוך וואָס דער רב האָט אים גערעדט. די קלוגע תכליתדיקע רייד פונם רב האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן איינפעסטיקן זיך אין זיין מוח און אים שוין ניט אָפּגעלאָזן; ער האָט אָנגעהויבן מיט זיך אַליין צו תקרנען און פאַרגעוואַרפן זיך אפילו אויף געוויסע גבירישע פאַראורטיילן זיינע: — אין אמתן — האָט ער מיט זיך געתקירהט — איז דאָך מיין עיקר מניעה, וואָס אין שטאָט קען מען זי ווי „חיה די קורלאַפּניטשקע", די אָרעמע אַלמנה. און צוליב דעם „וואָס לייט וועלן זאָגן" איז דאָך מיין „קווענקלעניש"! וואָרים וואָלט חיה ניט געווען „חיה די קורלאַפּניטשקע" אָדער ניט קיין היגע, וואָלט איך אפשר אַנדערש דעם ענין אויפ־גענומען... און צוריקגעשמועסט, איז אָרעמקייט אָדער באַשעפטיקונג אַ חרפּה? פאַרקערט, עס איז צו איר גרויסן שבח וואָס זי איז אַן אשת־חיל! איז זי דאָך זיך מפרנס מיטן יינגל אירן, און וויל ניט אָנקומען צו קצבה, ווי אַנדערע אין איר מצב. יאָ, די פרוי חיה גורעוויטש האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן צו זיין — ווי דער רב האָט געזאָגט — אַ פרומע יידישע טאָכטער, אַן אשה צנועה. אויך איז זי אין זעלביקן עלטער ווי מיין פרוי צירל ע"ה, און איר יינגל, זלמנקע חריף, איז טאַקע גאָר אַ וואויל יינגל, אַן אמתער עילוי. מיין אַריהלע וועט פון אים אַ סך, גאָר אַ סך קענען לערנען... און וואָס שייך די תנאים וואָס זי נעמט אויס, איז עס חלילה ניט קיין פאַרזינלעך־גשמיותדיקע, נייערט פרום ערלעכע, לטובת הכלל. דאָס אויך באַווייזט, אַז זי איז אַ פרומע, איידעלע נשמה...

נאָך אָט־די גרינטלעכע מעדיטאַציעס און ישוב הדעת מיט זיך, איז ר' זרח לורעי געקומען צום רב און אים איבערגעגעבן די תשובה, אַז ער איז מוכן ומזומן אויפצונעמען מי אים דעם ענין: אַז ער איז מסכים צום שידוך און אויך צו די תנאים, און איז גרייט „לתן יד ולהבטיח איזה דבר"— און זאָל זיין אין אַ גוטער מזלדיקער שעה.

דער רב האָט נאָכדעם גערופן חיה בת אברהם גורעוויטש און ר' זרח לוריע פאַר אַ תקיעת כף, און דער שידוך איז מיט מזל געשלאָסן געוואָרן, לויט אַלע דינים, תנאים און תקנות וואָס זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אויף דער בקשה פון חיהלע גורעווטש.

חיהלע האָט, ראשית כל, אויפגעריכט די תלמוד תורה, די אָרימע קינדער־לעך דאָרטן, האָט זי געזען זאָלן האָבן צו עסן צו דער זאַט, און וועמען בויטיק, שיכלעך און מלבושימלעך. ר' זרח לוריע, אויס דאַנקבאַרקייט צו חיהלען פאַר איר געטריישאַפט צו אים און צו זיין יינגל, האָט ער איבערגעגעבן אין איר רשות אַ באַדייטנדיקע סומע, כדי אויפצוריכטן די אַלטע קלויז, און האָט פאַרוואַנדלט

דעם בית המדרש אין אַ ישיבה. זי האָט איינגעלאַדן אַ ראש־הישיבה, לערנערס האָבן זיך באַוויזן פון נאָענט און ווייט — אַזעלכע וואָס האָבן קיין משפחה און קיין קרובים ניט געהאַט, און אויך אַזעלכע וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון אַנדערע ישיבות, צוליב דעם וואָס מען האָט געפונען ביי זיי „טריף־פסולס" ר"ל. אַלע, אַלע האָבן געפונען אַ מ ק ו ם מ ק ל ט אין חיהלעס בית המדרש. זי האָט אויך אויסגעטיילט אַ סך צדקה, געגעבן פאַר מעות חטים וכדומה.

פון דאַן אָן האָט מען זי געוופן ניט אַנדערש ווי „חיהלע די צדקת". און דעם בית המדרש, וואָס איז טאַקע אַ דאַנק איר געוואָרן אַ בית־הספר, האָט מען אויך גערופן אויף איר נאָמען — חיהלעס בית המדרש...

ווען חיהלע איז אין עלטער פון קנאַפּע זעכציק יאָר נפטר געוואָרן, איז די גאַנצע שטאָט אַרויסגעקומען באַגלייטן זי צו איר אייביקער רו.

אַ צייט לאַנג פלעגט די שטאָט גיין צו איר קבר־אבות, ווי צו אַ צדיק תמים. אויף איר מצבה איז געווען אויסגעקריצט אָט דער עפּיטאַף:

פ"נ האשה הצנועה והצדקת, חיהלע בת אברהם, גורעוויטש־לוריע.

* * *

דער אָדון „גור" (גורעוויטש־לוריע) האָט מיט דעם דערציילטן יחוס פון זיין באָבע חיהלע די צדקת, פאַרענדיקט זיין סיפור המעשה.

מיר האָבן צוזאַמען מיט אים געפילט זיך עקזאַלטירנדיק דערהויבן, וואָס ער האָט פאַר אונדז דערציילט אַ קאַפּיטל פון זיין משפּחה כראָניק, וואָס האָט טיף געוואָרצלט אין דער אַלטער היים, וואָס איז שוין מער נישטאָ, און וואָס איז איבער־געפלאַנצט געוואָרן מיט אַ געזונטן המשך אין אונדזער אַלט־ניי־לאַנד — ישראל.

## י. פ ר י ד ל אַ נ ד אָ ו ו נ ט

לכבוד דער דערשיינונג פון י. פרידלאַנד'ס נייעם בוך נאָוועלן: „אין טאָג פון געראַנגל", האָט דער פּרץ הירשביין צווייג איינגעאָרדנט אַ ליט. אָוונט. דער שריפטשטעלער, הערי לאַנג, האָט רעפערירט וועגן פרידלאַנדס שאַפונגען; מ. דייטש האָט געלייענט אַ דערציילונג פון בוך; יצחק ניומאַן האָט גערעדט וועגן דער נאָוועלע; דער מחבר האָט פאַרענדיקט דעם אָוונט מיט וואָרט און ליד.

## „פון אייגן הויז", נייער בוך עסייען פון י. בראָנשטיין, דערשינען

תל־אביב, איטאַ — אַ נייער בוך עסייען פון דעם באַקאַנטן קריטיקער און דיכטער, יחזקאל בראָנשטיין, איז איצט דערשינען אונטערן נאָמען „פון אייגן הויז", אין פאַרלאַג „מנורה" תל־אביב.

דאָס בוך פון 320 זייטן, האָט די פאָלגענדע דריי טיילן:

1. פון אייגן הויז — קריטישע עסייען וועגן די ווערק פון פּאָעטן, נאָוועליסטן און עסייאיסטן; 2. מיניאַטור עסייען; 3. מענטשן וואָס איך האָב געקענט, פּאָרטרעטן אין פּראָפיל פון אַ רייע שריפטשטעלער און אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען.

יחזקאל בראָנשטיין איז דער אויטאָר פון צען ביכער, איינשליסנדיק פינף ביכער עסייען, פיר בענד לידער און אַן אַנטאָלאָגיע פון איבערדיכטונגען פון יאַפּאַנעזישער פּאָעזיע. צו באַקומען: ביים ציק"א און ביים מחבר:

E. Brownstone, 350 N. Sweetzer Ave., Los Angeles 48, Calif.

לוי גאָלדבערג

# צווייטער בריוו צום היסטאָריקער *)

נאָך אַן ערשטן בריוו, שרייב איך דיר ווייטער,
כאָטש קיין תשובה פון דיר דערוואַרט איך ניט;
פאַר אַ צווייטנס אויער, אַ האַרץ ווערט געלייטערט,
חוץ דיינס, האָט קיין צווייטער זיך ניט אָפּגעהיט.

און ווייל אין מיין לעבן — ווי דו ווייסט שוין אוודאי —
זיינען סתירות פאַראַן, טיפע, און שווערע,
ווילט זיך מיר, חשובער קרוב, איצט גראָדע
מיט דיר, אין דער ווייטערטקייט, נעענטער ווערן.

ווייל איצטער איז שקיעה. און האַרבסטיקער שטורם
פליקט אוים אונדזער גאָרטן פון וואָרטיקן צעך.
ס'איז ביטער צו הערן געוויין פון יסורים,
ווען טונקעלע הענט אונדזער בנין צעברעכט.

פאַלט אַ גייסט, איז להאַי אַ ווינט דורך די לאָדן,
אַ געוויין אויף אַ רגע, און באַלד ווערט עס פאַרשטומט.
ניט געהאַט די געזיכערטקייט אויף אייגענעם באָדן,
און ניטאָ די פאַראייביקונג, וואָס דעם גייסט־מענטש קומט.

און זוער ס'איז נאָך דאָ איז פון יאוש צעפּרעסן
און רייסט זיין רום אַרוים פון אַ צווייטנס ציין;
להבדיל אַ חיה אויף זאַט ניט דערעסן
וואַרפט זיך צו שלאָגן פאַר אַ טרוקענעם ביין...

אַז יידיש שטאַרבט אָפּ, זאָגן פאַלשע נביאים,
דער קלאָגער געדייעט ווי אַ זשאַבע אין זומפּ.
גיב אים דאָס שענסטע, מיט פּערל באַציר אים —
ער וועט עס באַשמפּן, ווי אין שיכרות אַ לומפּ.

---

*) זע מיין בוך: „ניגון אין ווינט", זייט 110.

און ס׳פעלן ניט אוים די העברעאיש באַגרעבער,
זיי זאָגן דעם קדיש אויף נאָך ניט באַדעקטן מת.
דער טויטן־מאַרש ציט זיך ביז לאַנד פון די צעדער;
פאַר זיי איז עס אַ גאולה, פאַר זיי איז עס אַ נס.

אוי, קרוב היסטאָריקער! — פון שלעכט איז מיר ערגער
צו ווערן דער ברוכטייל אין דער צעשפּאָלטנקייט.
מיר איז שווער צו האַסן די יידיש־דערוואָרגער,
מיר איז שווער צו ביישטיין פּאָטאָליקן שטרייט.

מיר איז שווער צו ווערן אין יאוש דערהויבן,
און שווערער נאָך זיין אַ פאַרלאָרענע נעסט.
אין אַש נאָך אַ פייער, אַ פונק צווישן שטויבן,
אין ברוך, אַן אייזן, ווען זשאַווער אים פרעסט.

שרייב איך צו דיר, ווען די נאַכט־שעהן גרויען,
ווען בלוט ווערט פאַרוואַנדלט אין טינט פאַר מיין פען.

— — — — — — — — — — — — — —

אַדיע, היסטאָריקער! פאַרגיב מיין שיגעון
ווידער אין בריוו, ווי אויף דער וואָר דיר צו זען.

## י. פרידלאַנד פאָנד רופט שרייבער אַריינצושיקן עסייען און דערציילונגען פאַר 1963

דער י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד האָט אַרויסגעשיקט אַ רוף צו שרייבער אַריינצושיקן זייערע עסייען און דערציילונגען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אין יאָר 1963.

די דאָזיקע ווערק וועלן גענומען ווערן אין באַטראַכט פון דער זשורי, וואָס וועט אויסטיילן די 4טע יערלעכע פרעמיעס פאַר אַ בעסטע עסיי און אַ בעסטע דערציילונג. יעדע פרעמיע באַטרעפט 200 דאלער. די געדרוקטע עסייען און דערציילונגען דאַרפן אַריינקומען ניט שפּעטער ווי דעם 15טן דעצעמבער, הייאָר, אויף דעם פאָלגענדיקן אַדרעס:

**I. FRIEDLAND LITERARY FUND, 4375 Sunset Dr., Los Angeles 27, Cal.**

משה צוקער

# נעכטן, היינט און מאָרגן

(עסיי)

דעם נעכטן קאָנען מיר נישט ענדערן, דער נעכטן איז אַ פֿאַקט לדורות, איבער וועלכן מ'קאָן זיך, העכסטנס, חקירהן. נישט איינער וואָלט דעם נעכטן אינגאַנצן געוואָלט פֿאַרגעסן. פֿאַראַן אָבער אויך אַזעלכעס, וואָס מ'וואָלט געוואָלט עס זאָל זיך ציען אין דער אייביקייט אַריין. אָבער פֿאַרפֿאַלן: די צייט גייט זיך איר וועג, און מיר האָבן נישט איבער איר קיין שליטה. איבעריקנס, איז שוין דאָס לעבן אַזוי איינגעשטעלט, אַז, ווי מיר פּרואוון נישט צו אַנטלויפֿן פֿונם נעכטן פּרוואוט, למרות־הכל, איעדער לעבעדיק מענטשלעך באַשעפֿעניש מיט אַלע זיינע אברים זיך צו רייסן אַלץ מער און שטאַרקער צו זעלבסטשטענדיקייט, וואָס דאָס מיינט צו דערווייטערן זיך פֿונם נעכטן. ער וויל ווערן דער באַלעבאָס איבער זיך אַליין מיט אייגענע נטיות. בלויז אין אויסנאַמען קערט ער זיך צו זיין נאַטירלעכן באַשיצער, וואָס איז אים אַמנאָענטסטן, אָדער צו דעם וואָס קומט אים אַנטקעגן בעת־צרה. אין דעם פֿאַל זיינען מיר אַלע קינדער וואָס רייסן זיך כסדר צו זיין אויף אייגענעם באַראַט, און מיר זיינען אָבער אויך הילפֿלאָז אין געוויסע סיטואַציעס, וואו מיר זוכן דאַמאָלס באַשיצונג ביי אַנדערע, וואָס זיינען אין אַ בעסערער לאַגע ווי מיר.

אָפּגערעדט פֿון זאַכן וואו שותּפֿות איז אַ נויטווענדיקייט, אָבער אַפֿילו אין אַזאַ פֿאַל ווילט זיך אַרויסהייבן די אייגענע וויכטיקייט און נישט בלייבן שטיין אויף איין אָרט. בלויז אין אַ קרענקלעכן צושטאַנד ווערט דער באַוועגונגס־דראַנג איינגעשלאָפֿן. אין אַ נאָרמאַלן מצב איז אַקטיווקייט אַ נויטווענדיקייט פֿאַרן גייסט און קערפּער. פּשוט: אַלץ וואָס וויל עקזיסטירן מוז זיך באַוועגן. גוט אָדער שלעכט, גייט מען אַריבער די צייט, דעם נעכטן, און אין אַ געוויסן זין האָט ער אַ ווירקונג אויך אויפֿן היינט. דער נעכטן מיטן היינט פֿאַרבינדט זיך ביי איעדן באַזונדער אויף זיין אייגענעם אופֿן. ער באַווירקט דעם מענטשן לטובה אָדער לרעה. דאָס אויסערדיקע קען זיך אפֿשר בייטן למראית־עין, אָבער דער אייגענער „איך" בלייבט אַלץ דער זעלבער. ווי זאָגט דאָס פֿאָלק: „פֿון דער אייגענער הויט קאָן מען נישט אַרויסקריכן." אַזוי ווי איעדער איז אַ וועלט פֿאַר זיך, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן מיט אייגן בלוט־און־פֿלייש, אַזוי בלייבט ער אויך אייגנאַרטיק ביזן לעצטן אָטעם מיט אַלע קאָנסעקווענצן, וואָס זיינען דערמיט פֿאַרבונדן. דער דרויסנדיקער איינפֿלוס קען טאַקע זיין שטאַרק, אָבער אין אַ געוויסן זין איז עס געווענדעט אין איעדן יחיד, ווי אַזוי ער רעאַגירט דאַרויף. דער סך־הכל: איעדער ווערט געפֿאָרעמט דורך נאָכגיביקייט אָדער שטאַנדהאַפֿטיקייט. מיר שניידן די אייגענע זריעה וואָס מיר האָבן פֿאַרזייט — בשוגג אָדער במזיד.

און מיט דעם „פּעקל" קומען מיר צום „היינט".

## II

די קעגנוואַרטיקע צייט, וואָס רופֿט זיך „היינט", אָן אונטערשייד צי מיר דאַרפֿן ערשט עפּעס אָנהויבן אָדער פֿאַרענדיקן, איז אַלץ „היינט". דער המשך פֿון דער צייט איז מחוץ פֿון אַנדערע טוּונגען. מיר מאַכן בלויז אין איר אונ־

דזער אייגענעם, בייעם קנופּ מיט אונדזערע אַקטיוויטעטן פון מוח אָדער גוף. אפילו אויף אַרויסגעצווינגענע זאַכן איז דאָס רעאַגירן אויף זיי דער חותם וואָס שטעמפּלט יעדן באַזונדער. און דאָס איז דער אינדיווידועלער צושטייער פונם „נעכטן”, וואָס מיר טראָגן אין זיך אין אונדזער באַוואוסטזיין. אָט־די גייסטיקע „גיטער” אין אונדז זיינען דער סך־הכל פון אונדזער אייגענעם „איך”.

מיטן מאָרגן זיינען מיר קיינמאָל נישט זיכער, כאָטש מיר פּלאַנעווען אַלץ פאַר מאָרגן, ווייל דאָס איז אַן אינסטינקטיווער פאַרלאַנג — פאַרן המשך. אויף דעם וועג קניפּט זיך דער „נעכטן” מיטן „היינט” און דער היינט מיטן מאָרגן. אפילו אין אַ געוויסער פּאַסיוויטעט צו אַ זאַך, וואָס דאַרף וועמען זיין נוגע, שטעמ־פּלט זיך עס אָפּ אויפן געמיט אַזוי ווי ס'וואָלט געווען אַ ממשותדיקע זאַך. מיט אַנדערע ווערטער: כל־זמן מיר עקזיסטירן, זיינען מיר זאַמלער און געבער מיט אייגענע פונקציעס פון אַ באַשטימטן גוף און נשמה, וואָס קאָנען דערפון נישט אַנטלויפן.

קיין אויטאָמאַטישן אויספיר פון טאָטן קען מען צו אַ לעבעדיקן מענטשן נישט צושרייבן: ער האָט אַלץ אַ ברירה צוצוגעבן זיין אייגענעם קנייטש צו איעדער זאַך באַזונדער, אפילו ווען ער טוט עס געצוואונגענערהייט.

בלויז פאַרעקשנטע אפיקורסים, וואָס דרייען אַ היטל מיט אַ „מעגלעכן אַליין־באַשיף”, קאָנען זיך דערטראַכטן צו אויטאָמאַטישן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס פירט אויס פרעמד־באַשטימטע באַפעלן, אָן שום נאָכטראַכטעניש בלב און נשמה. למשל, דאָס ענדערן פון דער פּאַרטיי־ליניע ביי די קאָמוניסטן. דאָס וואָס מיר זעען אין אַ געענדערטע לאַגע ביי זיי, פון צייט צו צייט, אַז, לויטן באַפעל פון אויבן, ווי די „צאַן־קדושים” שרייען זיך אַליין אַריבער, איז אַ טאָפּלטער באַווייז, אַז זיי שלינגען אַלץ אַרונטער געצוואונגענערהייט. גראַד די שטילערע פון זיי לאָזן זיך גאַנץ הויך הערן. מיט היץ ווילן זיי זיך אַליין פאַרטומלען אָפּצוואווישן די נעכטיקע שאַנד מיט פּאָמפּע.

## III

די סדרה „מאָרגן” ווידער האָט מיינסטנס צו טאָן מיט פאַנטאַזיע. אין גרויסן און אין קלענערן באַגריף האָבן מיר קיינמאָל נישט קיין פולע זיכערקייט מיטן מאָרגן. פונדעסטוועגן: זאָל מען אַוועקנעמען פון וועמען עס איז די האָפע־נונג פאַרן מאָרגן, האָט אויך דער היינט קיים שום ווערט נישט. טעמפּע מוחות מאָלן זיך, נאַטירלעך, זייער מאָרגן אויפן חשבון פון אַנדערע. די בעסערע, איידעלערע כאַראַקטערן שטעלן זיך פאַר די צוקונפט מיט זייער אייגענעם ביי־שטייער אין איר אויפבלי, אַזוי גוט פאַר זיך ווי פאַר אַנדערע, אָבער דער „מאָרגן” באַלעבט אַלעמען ביז צום לעצטן אָטעם־צוג פונם לעבן. כאָטש די מאָרגן־האָפענונגען זיינען אומענדלעך און אייביק, און פאַר אונדז — קורץ און פאַרגענג־לעך, אָבער אין אונדזער געדאַנק זיינען מיר זיך מצרף מיט אַלע מיטמענטשן, און גרייכן מיט זיי עד סוף כל הדורות. יעדער באַזונדער האָט זיך טאַקע זיין אייגענעם מאָרגן, אָבער אַלע צוזאַמען זיינען מיר גבירים־אדירים. מיר לעבן פאַר דער אייביקייט!...

אַלע דערפינדונגען, וואָס מענטשן מאַכן אין אַרבע פינות העולם לטובת אַלע־מען, זיינען אַ רעזולטאַט פון אַלעמענס האָפענונגען, צו וועלכע מיר ווערן גלייכע

שותפים. דער מאָרגן קאָן זיין אַזוי רייך, אַז מ'קאָן מיט אים פליען אין די אומ־ענדלעכע הימלען, און אַמאָל אויך פאַרקערט. מיר זיינען דאָך אָבער געבוירן געוואָרן מיטן צלם־אלהים, ווילן מיר בעסער דאָס ערשטע. אויך אונדזערע אינסטינקטן פאָרן לעבן העלפן אונדז דערין.

ישעיה הנביאס געטלעכער זאָג, אַז „אַ וואָלף און אַ לעמעלע וועלן הויערן צוזאַמען און אַ ייִנגל וועט זיי פירן", וועט פאַרבלייבן לעולמי־עולמים, ווייל ניט מיט מאַטעריעלע, פיזישע רייכטימער קאָן מען זיך באַוואָרענען פאַרן מאָרגן; גייסטיקע רייכקייט איז מער אַ באַוואָרעניש דערפאַר.

פּראַקטישע מענטשלעכע אויפטואונגען גייען אויך, אין געוויסע פאַלן, אַריין אין גייסטיקער קאַטעגאָריע, ווען מענטשן גענִיסן דערפון אויף אַ מענטשלעכן אופן. מיר באַנוצן זיך טאָג־טעגלעך, אינקאָגניטאָ, מיט מענטשלעכע אויפטו־אינגען, וואָס זייער גייסט שוועבט איבער דעם געשאַפענעם. אַלע נוצלעכע און שעפערישע זאַכן האָבן אַ קיום דערפאַר, וואָס זייערע פאַרטראַכטערס האָבן געהאַט אין זינען אַז די מענטשהייט וועט דערפון גענִיסן.

אַזוי צי אַזוי — צום אמתן גוטן מאָרגן האָבן מיר נאָך אַלץ אַ וויטן מהלך, און יעדן איז געגעבן געוואָרן די בחירה אין אים זיך צו באַטייליקן. אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איינער זאָל נישט זיין, קען ער נאָך אַלץ פון זיך ביישטייערן צום אויספּאַנטאַזירטן מאָרגן. צו דערגרייכן גאָר הויכע מדרגות איז טאַקע נישט אַלעמען באַשערט, אָבער מיט איינגאַרירן קלייניקייטן קאָן אויך אַ „גרויסער" גאַנץ נידעריק פאַלן. מיר קאָנען דעם מאָרגן איבערהויפּט נישט דערשאַצן, און מיר ווייסן נישט וואָס אין אים איז וויכטיקער איינס פונם צווייטן; אומבאַ־שטימטע וועגן פירן אונדז, און מיר דאַרפן זיך וויביקסטנס באַמיען אַלץ מיט גוטע כוונות צו באַגלייטן.

אונדזער מאָרגנדיקער סך־הכל וועט געמשפּט ווערן פון אומבאַשטימטע ריכ־טער, וואו מ'נעמט נישט קיין חורש. מיר דאַרפן היינט זיין גערעכט קעגן מאָרגן.

אַקעגן גיין דער צוקונפט מיט שלעכטע מעשים איז אַ שמוציקער אַטעסטאַט, וואָס וועט זיך ערגעץ־וואו בוקם זיין. מ'קאָן זיך פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט נישט אַרויסדרייען. דער וועלט־חשבון האָט זיך זיין אייגענעם באַלאַנס...

ווען מיר אַלע וועלן זיך באַמיען צו זיין ריין היינט, וועלן מיר דערמיט אויספּלאַסטערן אַ גוטן וועג פאַר די „מאָרגנס", וואָס קומען. ווער עס זייעט שלעכטס דער שניידט פאַרדאַרבענע פירות. — דאָס איז געזעץ פאַר יחידים ווי פאַר פעלקער...

---

## פערטער באַנד „טעאַטער לעקסיקאָן" דערשינען

אַ גרויסער קולטור־יום־טוב איז געפייערט געוואָרן לכבוד דער דערשיינונג פון פערטן באַנד „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", אַרויסגעגעבן פון דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן זילבערצווייג.

די פייערונג איז פאָרגעקומען דעם 17טן מערץ, אין קאָמאָדאָר האָטעל, נ.י. פאָרשטייער פון פאַרבאַנד, פון אַרב. רינג און פון ייוו"א האָבן באַגריסט דעם לעקסיקאָן און זיין רעדאַקטאָר. דער בעל־דבר האָט רעפערירט וועגן דעם תוכן און באַטייט פון 4טן באַנד. „חשבון" איז זיך מתיחד מיט די באַגריסער. אונדזערע ברכות צום רעדאַקטאָר פון לעקסיקאָן, אונדזער חשובן בן־עיר, זלמן זילבערצווייג.

משה שטיינגאַרט

# איך און דו

מאַך אויף די טיר, לאָז אַריין דעם ווינט,
דעם פּחד וואָס קוקט אַצינד אַרויס פונם
וואונדער אין דיינע צעפּראַלטע אויגן,
וועט באַלד די נאַכט אין זיך אַריינגעמען
מיט די ערשטע, שאַטנדיקע טריט פון ווינט.

דער דינער רוף פון דיינע ליכטיק־געוואָרענע פינגער,
דערגייט צו מיר מיט לעצטן, קלאָרן צייכן.
וואַרט, באַלד וועט אויך דער הימל מאַכן נאַכט
און אַראָפּקוקן אויף אונדז פון דאָרט, פון
וואַנען די נאַכט קומט אָן און גייט אַוועק.

מיינע אָפענע אויגן שענקען דיר דעם לעצטן פּערל,
דיינע צאַפּלדיקע ליפּן ווערן שוין דינער
מיט שטאַמלדיקן שפּרוך פון דיין ווייסן מויל,
וואָס בלויז דער ווינט וועט האָבן אויפגעהיט
פאַר א סימן, אַז מיר זיינען דאָ געווען.

און אַז דער מאָרגן וועט זיך אַמאָל
אַרויסהויכן איבער מיר און דיר,
און די זון וועט ווידער אַ בליק טאָן
איבערן בלויז, וואָס מיר האָבן דאָ געלאָזט,
וועלן מיר ביידע שוין זיין צעפינקלט

אין דער פּערלדיקער ראָסע וואָס קומט אַרויס
אפילו איבער טרוקענעם, ווייסן זאַמד.
דער ווינט וועט אונדז נעמען אויף זיך
און ברענגען אונדזער געוועזן
איבער אַלע נאָך נישט געוואָרענע עקן.

ער וועט אונדזערע נישט־דערזאָגטע ווערטער
אין זיך אַריינאָטעמען, זיי צעבלאָזן אין דער לופט,
וואָס דער ים וועט פון זיין טיפן אַרויסשיקן,
בלויז דער ים וועט אונדז אַריבערבלייבן
אין זיינע טויען וועלן מיר ווידער זיך צעשימערן.

מאַך אויף די טיר,
לאָז אַריין דעם ווינט.
זאָל ער נעמען אונדזער באַשערטקייט מיט זיך.
אַלע פּחדים, וואָס קוקן אַראָפּ אַצינד פון אונדז,
גייען שוין אַריין אין דער אייביקייט פון ווינט.

פינטשע בערמאַן

# ווילט זיך מיר זינגען

ווילט זיך מיר זינגען פון זון און פון פאַרטאָגן,
פון טוי און פון רעגן, פון קוואַלן וואָס שלאָגן.
ווילט זיך סאַלוטן די פעלדער און בייטן,
די ביימער, און לאַנקעס, און גאַרטן פאַרזייטן.
ווילט זיך אַ הויב-טאָן צו העל-בלויע הויכן,
און לאָזן אַהינטער די שטויבן און רויכן,
און אַראָפּוואַרפן יאָכן, ווי האַרבסטיקע בלעטער,
און זינגען אַ אָדע צו וועלט און צו געטער.

ווילט זיך מיר זינגען פון הערצער און אויגן,
וואָס שפּרודלען מיט זון-שיין, ווי קינדער וואָס זייגן.
ווילט זיך מיר הויבן אַ טאָוסט צו דעם מענטשן,
און טרינקען לחיים, און פייערלעך בענטשן
די מאַסן, די פעלקער, די שבטים און שטאַמען,
וואָס טרוימען אינאיינעם... וואָס תפילה'ן צוזאַמען...

ווילט זיך מיר הילכיק אַ צי טאָן אַ ניגון,
און זינגען פון פריידיקע קינדער אין וויגן,
און זינגען פון היימען, פון רו און פון שלום,
פון גאָט אַליין גאָלדן-געשפּונענעם חלום...

אָ, ס'ווילט זיך מיר זינגען פון שוועסטער און ברידער...
פאַלט נידעריק פלוצלונג דער קלאַנג פון די לידער;
רייסט זיך דער פאָדעם פון טרוים, וואָס געשפּונען;
לעשן זיך ערגעץ צעצונדענע זונען;
טונקלט אין האַרץ זיך דער פלאַמיקער גליטער—
קאַפּעט אַ טרער אַזוי הייס, אַזוי ביטער...

**ז. בונין**

# אויף יענער זייט האָריזאָנט

ס'איז פאַרנאַכט געווען
און אפשר טאַקע גאָר ביינאַכט,
איך האָב דעם מוח זיך געבראָכן,
אַלץ געזעסן און געטראַכט
עפּעס פון אַ רעכטער טעמע
פאַר אַ נייער ליד.
נאָר אומזיסט די אויגן זיך געריבן.
אויפן אויסגעשפּרייטן בלאַט פּאַפּיר
קיין איין שורה ניט פאַרשריבן.
ערשט איך כאַפּ זיך: אויף מיין טיר
קיין סימן ניט פון אַ מזוזה,
האָב איך עס טאַקע גלייך באַוואָרנט
און געהאָפט אַז בזכות זה
קומען וועט צו מיר די מוזע.
און כך הווא,
אין גאָר אַ קורצער צייט
מיט שטילע טריט, אָט ווי אַ פּאַווע
דערשיינט פאַר מיר אַ יונגערמאַן
מיט אַ מאָדנער לאַנגער האַלדז —
אַ גילגל פון אַ שוואַן —
האָב איך צו זיך אַ טראַכט געטאָן.
און מעשה מכניס אורח
האָב איך באַזעצט אים אויבן־אָן.
כ'האָב פון אים קיין פּאַספּאָרט
פאַרשטייט זיך ניט געמאָנט,
נאָר זאָגן זאָגט ער, אַז ער קומט
פון יענער זייט האָריזאָנט.
דאָס דערהערט, האָט אַ פרייד
אַ לויכט געטאָן אין מיינע אויגן.
ס'האָט צו יענער זייט פון האָריזאָנט
זינט מיין יוגנט מיך געצויגן.
— אי זוואָס־זשע שוויגט איר, נו ?
זאָגט, ווי לעבן דאָרט די מענטשן,
ווי דאָס פירעכץ גייט דאָרט צו ?
— מענטשן, זאָגט ער,
זיינען מענטשן אומעטום,
ניט מער

וואָס דאָרטן קען זיין גלייך
קען אויסקומען אויף דער זייט קרום.
למשל:
אַלע הייזער ווערן דאָרט
געבויט אויף בערג מיט גרינעם גראָז;
טיר און פענצטער, דיל און דאַך—
פון סאַמע לויטער שפּיגל־גלאָז,
און דירה־געלט ווערט דאָרט געצאָלט
אַזוי ווי דאָ ביי אייך, נו זיכער,
נאָר אָנשטאָט מיט געלט
צאָלט מען דאָרט מיט ביכער...
וואָרום שרייבער, דאַרפט איר וויסן,
פאַרנעמען דאָרט דעם אויבנאָן
און נאָר אַ שרייבער, אַ פּאָעט,
קען זיצן דאָרט אויפן טראָן.
אַזוי אויך פון די מיניסטאָרן
ביזן קלענסטן פּאָליציאַנט
מוז אַזאַ איינער זיין
וואָס האַלטן קען אַ פען אין האַנט.
פון האַרמאַטן, פון מלחמה —
זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט,
און פון אַטאָמישן כלי־זין
זייער רו ווערט ניט געשטערט.
אין זייער ווערטערבוך איז ניטאָ
אַ וואָרט וואָס זאָל באַטייטן „האַס",
אַלע זיינען דאָרט פאַרברידערט,
מע טאַנצט רקודימלעך אין גאַס.
פאַר גוטע פערזן פון אַ צווייטן
ז'מען גרייט אַוועקשענקען ס'לעצט העמד;
לשון־הרע, ניט פאַרגינען
איז אינגאַנצן דאָרט פרעמד.

— — — — — — — — — —

כ'האָב מיט נייגער צוגעהערט
צו אַלץ וואָס ער האָט מיטגעטיילט
און געטראַכט: וואָלט ביי אונדז געווען
כאָטש האַלב דערפון
וואָס ער דערציילט...

יצחק ניומאַן

# ישעיה הנביא, דער וויזיאָנער פון אייביקן שלום

(תנ״כישע פראַגמענטן)

ישעיה דער זון פון אָמוץ האָט נביאות געזאָגט אין דער צייט פון פיר מלכים: עוזיהו, יותם, אָחז און חיקיהו, און אַ גאַר קורצע צייט אויך פון מלך מנשה. דער ספר ישעיה האָט זעקס־און־זעכציק קאַפּיטלעך, פון וועלכע די לעצטע זעקס־און־צוואַנציק ווערן אָנגענומען אַז זיי באַלאַנגען צו אַ שפּעטערדיקן נביא, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון די גולי־בבל נאָכן ערשטן חורבן, ווייל אין קאַפּיטל מ״ח ווערט דערמאָנט דער נאָמען כורש מלך פּרס, און ער זאָגט בשורות פון גאולה און טרייסט־ווערטער, פון „נחמו נחמו עמי (ישעיה מ׳), אויך דער סטיל איז אַנדערש. אָבער מיר וועלן זיך האַלטן מיט דער טראַדיציע פון איין ישעיה.

לויט דער גמרא (פּסחים פּ״ז) האָבן פיר נביאים געזאָגט נביאות אין איין צייט: עמוס, הושע, ישעיה און מיכה, און פּונקט ווי עמוס, טרעט אויך ישעיה אַרויס קעגן דער אומגערעכטיקייט וואָס הערשט אין לאַנד; אויך ער שטראָפט און מוסרט די יידן, אַז מיט קרבנות אַליין טוען זיי ניט דעם ווילן פון גאָט, און ער זאָגט אין נאָמען פון גאָט (ישעיה י״ג):

צו וואָס טויגן אייערע קרבנות?
כ׳בין שוין זאַט פון די פעטע רינדער;
אייערע ימים טובים האָב איך פיינט —
זיי זיינען אַ לאַסט אויף מיר...

בכלל איז דער נביא ניט געווען קעגן קרבנות, ווען צוזאַמען מיט די קרבנות וואָלט באַגלייט חרטה און תשובה, אָבער סתם ברענגען קרבנות און גלייך ווידער זינדיקן, האָט קיין זין ניט, און דער נביא שרייט צום פאָלק: טוט תשובה!

אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט —
וואַשט זיך, רייניקט זיך,
טוט אָפּ שלעכטס פון זיך;
פאָדערט גערעכטיקייט, שטאַרקט דעם געדריקטן,
טוט רעכט דעם יתום, נעמט זיך אָן פאַר דער אַלמנה...

אַמשטאַרקסטן דריקט זיך אויס די שטימונג פון נביא ישעיה קעגן די זינד פון פאָלק. באַלד אין ערשטן קאַפּיטל, אין זיין פּאַטעטישן מעטאַפאָר. ער פאַר־גלייכט יידן פון זיין דור נידריקער פון די שטומע באַשעפענישן. ער זאָגט, אין נאָמען פון גאָט (ישעיה א׳):

הערט איר הימלען און פאַרנעם די ערד!
וואָרום גאָט האָט גערעדט:
קינדער האָב איך דערצויגן און אויפגעבראַכט,
און די האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר;
אַן אָקס ווייסט זיין באַלעבאָס,

אַן אייזל — די קאָרעטע פון זיין האַר;
ישראל, ווייסט ניט, מיין פאָלק קוקט זיך ניט אום.
פון פוס־טריט ביזן קאָפּ איז אין אים קיין גאַנץ גליד נישטאָ —
איר פירער פון סדום, איר פאָלק פון עמורה...

לויט דעם מצב פון פאָלק אין זייער גלייכגילטיקייט האָט ישעיה געזען צו וואָס עס קען פירן, און ער מאָלט אַ בילד פול מיט שרעק, ווי אַזוי דאָס פאָלק שטייט ביים ברעג פון אַפּגרונט און וויל ניט זען אַז אָט באַלד פאַלט עס דאָרט אַריין. נאָך ערגער וואָס עס פילט ניט דעם בראָך און חורבן, טאַנצן זיי דערווייל זייער טויטן־טאַנץ ביים אַפּגרונט. און פונקט ווי דער נביא עמוס, אַזוי אויך ישעיה רעדט מיט ביטערקייט קעגן די פירער, די פני, די ראשי הקהל, וואָס פאַרברענגען זייערע טעג און נעכט ביי באַנקעטן און הוליאַנקעס, און זייערע נעכט זיינען פול מיט זינד. דער נביא קרענקט פון דעם און אין פאַרצווייפלונג וואַרפט ער אַראָפּ זיינע קליידער און גייט אַרום כמעט נאַקעט און באָרוועס, אַזוי דריי יאָר צייט, ווי אַ סימבאָל, אַז אַזוי וועלן די פאַרטריבענע דורך סנחרב מלך אַשור גיין אין גלות, אויב זיי וועלן נישט תשובה טאָן.

ישעיה באַווייזט אין זיינע שטראָף־רייד די לעכערלעכקייט פון די מענטשן, וואָס בוקן זיך צו די געטשקעס געמאַכט פון זייערע אייגענע הענט. ווי נידעריק מוז אַ מענטש שוין זיין זיך צו שפּילן קינדעריש מיט די ווערק פון זיינע אייגענע פינגער, און דאָס באַוואונדערן פאַר אַ גאָט, אַ פאַרגלייכעניש צו אלף אלפי הבדלות צו אונדזער „אל חי וקים", וועלכער איז הויך און הייליק און די וועלט איז אונטער זיין קאָנטראָל — „מלא כל הארץ כבודו"...

* * *

ישעיה איז ניט ווי עמוס, דער נביא פון בלויז צדק און משפט; אויך ניט ווי דער נביא הושע, וואָס זיין אַטריבוט צו גאָט איז רחמנות און ליבשאַפט. ישעיה גייט נאָך ווייטער, ער גיט צו דעם גייסט פון הייליקייט און דערהויבנקייט. דער דאָזיקער שטריך גייט דורך אַלע זיינע נביאות...

אין אַ מער שטימונגספולן געמיט ווערט דער נביא מער איינגעהאַלטן און ער זוכט אַן אויסגלייך צווישן יידישן פאָלק און גאָט, און דער נביא רעדט אין נאָמען פון גאָט: „לכו נא ונוכחה" — לאָמיר זיך אַדורכשמועסן, זאָגט גאָט:

אויב אייערע זינד וועלן ווי קאַרמין רויט זיין,
וועלן זיי ווייס ווי שניי ווערן;
אויב איר וועט וועלן און וועט צוהערן,
וועט איר עסן דאָס גוטס פונעם לאַנד;
אָבער אַז איר וועט ווידערשפּעניקן
וועט איר פון דער שווערד געגעסן ווערן,
וואָרום די מויל פון גאָט האָט גערעדט...

ישעה הנביא האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין וועלט־פּאָליטיק פון זיין צייט. זיין השפעה אויפן קעניג אָחז, אויך שפּעטער אויפן קעניג חזקיה, איז געווען זייער גרויס. דאָס איז אַ זעלטנהייט ביי נביאים. ישעיה לעבט דווקא בשלום מיטן מלך; ער שטראָפט אים ניט, ער מוסרט אים ניט, נייערט ער באַ־

ווירקט אים, און דער מלך טוט ניט אַ זאַך אָן זיין עצה. אָן אויסנאַם איז געוו׳ען מיט חזקיה׳ס זון, דער מלך הרשע מנשה, וועלכער האָט צוריק איינגעפירט געצנ־דינסט און ווען דער נביא וואַרפט אים דאָס פאָר, ווערט דער מלך אין כעס און הייסט טויטן דעם נביא ישעיה. (יבמות מ״ט).

* * *

ישעיה האָט זיך געזאָרגט שטאַרק פאַר שלום אין זיין צייט. ער איז געווען מער זיכער וועגן דער צוקונפט, ווייל ער גלויבט אין נצח ישראל. זיינע רעלי־גיעזע אנשויאונגען זיינען פון די העכסטע אידעאַלן, וואָס פירן אים שפּעטער צו די משיחישע וויזיעס פון אַחרית הימים. דער נביא ישעיה באַטייליקט זיך אין אַלע סטראַטעגישע פּלענער פון צוגרייטן די באַשיצונג פון לאַנד און פאָלק, און ווען דער קעניג פו זמלכות ישראל, פּקח בן רמליהו, צוזאַמען מיטן קעניג רצין מלך ארם, גייען אויף מלחמה קעגן מלכות יהודה, ווערט דער מלך אָחז דערשראָקן און ער טראַכט צו שטילן אים מיט שוחד און מתנות, אָבער דער נביא רעדט אים אָפּ פון דעם: „צו וואָס אָנשטאָפּן די שונאים מיט אוצרות גאָלד און זילבער, און צום סוף האַלטן זיי סיזוי ניט זייערע צוזאָגן; מען קען זיך אויף זייערע הבטחות ניט פאַרלאָזן. בעסער טוט גאַרניט, וואַרט אָפּ — עצהט ער דעם מלך: „סגור דלתיך מפניך וחכה עד יעבור הזעם„ (פאַרשליס די טויערן און וואַרט אָפּ ביז דער צאָרן וועט אַריבער).

אַ צווייט מאָל מישט זיך דער נביא אין פּאָליטיק, ווען סנחרב גייט באַלאַגערן ירושלים, עצהט דער נביא: יאָ אָפּצוקויפן דעם מלך פון אַשור מיט גאָלד און זילבער, ווייל ער האָט געזען דאָס די צייט איז ניט געווען גינציק פאַר אַ ווידער־שטאַנד. ערשט שפּעטער מאַכט חזקיה אָן אויפשטאַנד אין אַ קאַמף פאַר פּאָלי־טישע פרייהייט, און דער נביא איז מיטן מלך אין פולער האַרמאָניע. אמת, זאָגט ער, דער שונא, האָט מער געווער און אַ גרעסערע אַרמיי, דערפאַר אָבער האָבן מיר אַ בעסערע קולטיווירטע אַרמיי, ווייל דער עיקר איז גוטע דיסציפּלינירטע כוחות, וויכטיקער פון פיזישע כוחות.

דאָס יידנטום איז חזקיה׳ס צייטן איז געשטאַנען זייער הויך, ניט ווי אין דער צייט פון מלך יהויקים און דעם נביא ירמיהו. דער מלך חזקיה לאָזט זיך באַאיינפלוסן פון נביא ישעיה. עס קומען פאַר וויכטיקע ענדערונגען, נייע רע־פאַרמען ווערן געשאַפן; ס׳ווערט אָן אויפלעבונג, פונקט ווי אין דער צייט פון דוד און שלמה.

די גרויסקייט פון נביא ישעיה באַשטייט אין זיין וויזיע פון אַחרית הימים. ער זעט אַ חלום פון אַ גליקלעכע צייט פון אמתן שלום, אָן מורא, און שנאה:

און די וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס,
און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס,
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הויבן קיין שווערד
און מען וועט מער ניט לערנען קיין מלחמה. (ישעיה ב׳ 2־7)

אמת שלוה וועט הערשן אויף דער גאַנצער וועלט. ניט נאָר מענטשן וועלן לעבן אין פרידן, אויך די באַשעפענישן פון דער ווילדערניש וועלן זיך מער נישט שרעקן. (ישעיה א׳־1):

אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס
און אַ לעמפּערט מיט אַ ציקעלע וועט הויערן,
און אַ קאַלב און אַ יונג לייב און אַ פעט ריגד באַנאַנד,
און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן.

**גאָר גרויס דערהויבט זיך דער נביא, ווען ער זאָגט נבואות וועגן דער גרוי־סער חכמה און פיל קענטעניס וואָס וועט אַרומנעמען אַלעמען:**

אין יענע טעג וועט די ערד זיין פול מיט דערקענטעניס פון גאָט,
ווי די וואַסערן וואָס באַדעקן דעם ים,
אַלע וועלן זיין קלוג
און אַלע פעלקער וועלן שטראָמען צו איין גאָט.

עס וועט זיין אין סוף פון די טעג,
וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז
און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען,
צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב;
ווארום פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תורה
און גאָטס וואָרט פון ירושלים. (ישעיה ב׳־2)

---

**חנה בושעל־מאַלאָוו**

# ל י ד ע ר

לידער פאַלן ווי די בלומען
און בעטן זיך: הויבט מיך אויף!
ניטאָ וואו מיטן ליד צו קומען,
מיט דעם צאַרטן, וואַרעמען באַרוף...

דאָס יידיש ליד וויל איצט קיינער,
און קיינער דאַרף עס שוין ניט מער!
נאָר גאָט אַליין איז דער שומר,
איבער ליד, און איבער טרער...

וויגט זיך, וויגט זיך, יידיש ליד,
צווישן שטורעם, צווישן ווינט!
אַזוי מיט שטילע טריט,
ווי אַ קליין, צאַרט קינד!

און עס בעט זיך וואַקסן, בליען,
ניט פאַרלאָזן, ניט פאַרוואַרפן!
עס זאָל ווידער שיינען, זינגען,
איבער פידלען, איבער האַרפן!...

יהושע ריווין

# פרילינג

מאָרגן־טוי און מאָרגן־ליכט
פון באַשאַף דעם סוד צעשפּילן...
וועקט אין האַרצן זיך אַ ליד,
זינגט: מיין בענקען שטילן...

הויבט דאָס האַרץ זיך הויך און הויך,
העכער צו דעם הימל,
ווי אין פעלד פון גרינעם קנאָספּ,
פרילינג׳ס ערשטע בלימל...

קושט דאָס ליכט דעם מאָרגן־טוי
און דער טוי — דאָס בלימל;
קלאָרט זיך אויס מיין פרילינג־ליד,
ווי דער בלויער פרילינג׳ס הימל...

# אויף אַן עראָפּלאַן

אַרויף איז דער אָדלער אין הימל צו פליען,
אַרויף מאַיעסטעטיש און שיין
און דאַך וואַקסט אַ צווייפל אין האַרצן:
צי וועל איך דערפליען צי ניין?...

צי וועט אָט־דער אָדלער מיך ברענגען בשלום
צום ציל, מיין געהייליקטן ציל;
צי וועל איך פאַרשווינדן אין הימל אָן צייכן,
נאַטור׳ס אַ קאַפּריזיקע שפּיל?...


## •אויפמערקזאַם!

ס׳איז נאָך פאַרבליבן אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון י. פרידלאַנד׳ס נייעם בוך נאָוועלן: „אין טעג פון גערלאַנגל״. איר קענט זיך ווענדן

דירעקט צום מחבר אויף דעם אַדרעס פון דער רעדאַקציע:

I. FRIEDLAND
4375 SUNSET DRIVE • LOS ANGELES 27, CALIF.

משה ווייסמאַן

# בעת און נאָכן שטורעם

(בילד)

אינדרויסן האָט שוין געשמעקט מיט האַרבסט. נאָר די קאַליפאָרניער זון האָט דעם גאַנצן טאָג געוואַרעמט, גלייך עס וואָלט נאָך ערשט געווען אויגוסט.

פאַרנאַכט, ווען די פאַרגייענדיקע זון האָט ווי „אונטערגעצונדן" דעם מערב־זייט הימל און די וואָלקנס האָבן זיך געקנוילט אין רויטע פלאַמען, האָט פון ערגעץ אָנגעבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט; די ביימער האָבן זיך צעוויגט, די שוין פאַרגעלטע בלעטער אויף די צווייגן האָבן זיך אָפּגעקלעפּט און דערשראָקענע זיך געלאָזט יאָגן פונם ווינט. די אַטמאָספערע איז געוואָרן כמעט דורכזיכטיק און ס'האָט אויסגעזען ווי דער ווייטער באַרג „באַלדי" וואָלט פּלוצים זיך אַ רוק געטאָן נענטער צו דער שטאָט, און מ'האָט געקענט אים זען אין זיין אוימגעהויער באַרג־שפּיציקייט.

מיטאַמאָל האָט דער ווינט אויסגעלאָשן די רויטע פלאַמען אויפן הימל און אינדרויסן איז געוואָרן טונקל.

דער יידישער עופות־האָדעווער, מיסטער באַרני, האָט זיך דערשראָקן פאַרן אָנקומענדיקן ווינט־שטורעם און ער האָט גענומען רופן זיינע צוויי קינדער:

— דעניעל, רוטעלע! קומט גיכער אין שטוב אַריין!...

דעניעל און רוטעלע זיינען אָבער ביידע געווען אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט מיט דעם פליענדיקן „קאַיט" (פּאַפּירענעם שלאַנג) אַז זיי האָבן אפילו ניט גע־הערט זייער פאָטערס געשריי.

ווען דער ווינט האָט פאַרטראָגן אין דער הויך דעניעלס „קאַיט" ווייט, ווייט, און אין זיין האַנט איז פאַרבליבן בלויז אַ קורץ שטיקל פאָדעם, ערשט דאַן האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים, און זיין קלענערע שוועסטערל, רוטעלע, מיט אירע צעווינטיקטע בלאָנדע הערעלעך, איז אים נאָכגעגאַנגען אַ שטאַרק פאַרזאָרגטע.

פאַרן אַריינגיין אין שטוב האָט זיך רוטעלע דערמאָנט אין די ניי־געבוירענע קליינע קעצעלעך, וואָס זי האָט געזען ביי'טאָג קריכנדיק אַרום דער הויז; האָט זי זיי געזוכט און ניט געפונען, ווייל די מאַמע־קאַץ האָט זיי שוין אַליין באַשטאַט אונטער דער הויז, דער אָנקומענדיקער שטורעם זאָל זיי ניט שעדיקן.

דערנאָך איז רוטעלע, מיט אירע פאַררויטיקטע בעקעלעך, אַריינגעלאָפן אין שטוב און האָט דערציילט איר מאַמען פון „אַ שרעקלעכע זאַך וואָס ס'האָט פּאַסירט" — עס האָט דער ווינט אויסגעכאַפּט דעם „קאַיט" פון דעניעלס הענט.

דעניעל איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן אינדרויסן. אים האָט דער ווינט ניט געשראָקן. ער איז צוגעלאָפן צו דער הינער־שטייג צו טאָן עפּעס וואָס דער טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט צו טאָן, ווען ער וועט אַהיימקומען פון סקול.

זיין שוואַרצער הונט „סענדי", וואָס האָט אים אומעטום באַגלייט, האָט זיך שטאַרק צעהאַוקעט; געמיינט צו זאָגן אים, אַז איצט איז ניט די צייט צו זיין אינדרויסן... אָבער, דעניעל האָט ערשט פאַרשטאַנען אַז „סענדי" איז גערעכט, בעת דער ווינט האָט אים שיער ניט פאַרשלעפּט מיט זיך. ערשט דאַן איז ער געלאָפן אין שטוב אַריין. אויך „סענדי" האָט זיך באַהאַלטן אונטערן הויז, וואו די קליינע קעצעלעך מיט זייער מאַמע־קאַץ זיינען געלעגן.

דער שטורעם האָט זיך שטאַרק צעבוריזט; געקלאַפּט טרעוואָגע אויף די בלעכענע דעכער, צעטרייסלט די הילצערנע שטעלעכלעך, געשליידערט פּאַפּירענע קעסטעלעך און אַלטע צייטונגען געטראָגן אין דער לופטן.

דעם פּאַרמערס אינדיקעס האָבן זיך „צעהאָלדערט" און די רויטע קו, וואָס איז אין גאָרטן געשטאַנען און געגריזשעט דאָס פאַרבליבענע גראָז, האָט זיך אויכעט צעשריגן דורך אַן אויסגעצויגענעם — „מ־מ־מו־ו־ו", מען זאָל איר אַריינלאָזן אין שטאַל. די הינער אין די שטייגן האָבן זיך אויך „צערעדט"... ווייל דער שטורעם האָט גענומען אַראָפּפליקן זייערע פּעדערן...

די צוויי צעוואַקסענע פּעפּער־ביימער אַרום דער הויז האָבן זיך שטאַרק „צעקרעכצט"... און זייערע צווייגן האָבן איינע די אַנדערע ווי מיט בייטשן זיך צעשמיסן.

דער הימל איז מזרח־זייט האָט זיך צוגעדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס... און אַלץ וואָס אויף דער ערד האָט זיך געראַנגלט מיטן שטורעם־ווינט...

באַלד איז דער דרויסן געוועזן ניט צו דערקענען: דער ווינט האָט ווי צערייצטע וועלף געוואָיעט... און דערשראָקענע פייגל האָבן זיך פון די ביימער צעפלויגן, ערגעץ ראַטעווען זיך... אינדרויסן איז געוואָרן חושך... און מיט גרויס ליאַרעם האָט דער שטורעם אומגעוואָרפן ביימער אויף די גאַסן, און מענטשן אין די שטיבער האָבן זיך געפילט ווי אין שיפן אויף אַ צעשטורעמטן ים...

* * *

צומאָרגנס אינדערפרי איז די זון אויפגעגאַנגען. דער ביינאַכטיקער שטורעם־ווינט האָט שוין ערגעץ „אויסגעהויכט דעם אָטעם"... די ביימער האָט אויסגעהאַלטן די שטורעמדיקע אַטאַקע, זיינען געבליבן הויל און נאַקעט; דער ווינט האָט פאַרטראָגן זייערע בלעטלעך אויף פרעמדע שליאַכן. אַרום די שטיבער, אויף די גאַסן, האָט דער ווינט איבערגעלאָזט זאַמד־בערגלעך און הורבעס שטיקער האָלץ, שטיקלעך אָפּגעבראָכענע צווייגן פון ביימער, בלעכענע קענדלעך און פּאַפּירן.

עס זיינען אַרויסגעקומען פון שטוב דער פּאַרמער מיטן ווייב. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אָנקוקן וויפיל שאָדן עס האָט דער ביינאַכטיקער שטורעם צו זיי געטאָן. די פּאַרמערקע, אין איר רויטן שלאַפראָק, איז געגאַנגען אָנקוקן די הינער־שטייגן; האָבן די הינער, אַלע מיטאַמאָל זיך „צעדאַכטשעט", גלייך זיי וואָלטן איר עפּעס אָפּדערציילט פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט... די אינדיטשקעס האָבן זיך אויך צעהאָלדערט און די קו האָט איר קאָפּ אַרויסגעשטעלט פון שטאַל מיט מו־ו־ו — האָט זי אויך עפּעס געוואָלט זאָגן...

פון אונטער דער הויז איז אַרויסגעקראָכן די קאַץ מיט אירע קינדער און זי האָט מיט אַ נעבעכדיקן „מיאַו" געבעטן מען זאָל איר אויסהערן... אויך „סענדי" האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן, נאָר ער איז אָפּגעקומען מיט אַ בייזן „האַו, האַו!"...

צום סוף זיינען פון שטוב אַרויסגעקומען ביידע קינדער. דעניעל האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט זיין הונט „סענדי" און רוטעלע, מיט אירע נאָך פאַרשלאָפענע אייגעלעך, האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער קליינער „האָט־האַוז" (וואָרעם שטיבעלע) וואו עס האַלטן זיך אויף אויסגעבריטע קליינע הינדעלעך, וואָס קוקן אויס ווי פייגעלעך, אונטער אַ עלעקטריש־באַלויכטן דעכעלע.

# ד״ר חיים פּאָמעראַנץ ע״ה

אינעם לעבן פון דער יידישער קולטור־וועלט האָט חיים פּאָמעראַנץ געהאַט אַ שם פאַר דעם ענערגישן לערער, מנהיג און כלל־טוער. וואו ער האָט געוואוינט איז ער געווען די דינאַמאָ וואָס האָט אָנגעטריבן צו אַקטיוויטעט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן צו טאָן מעשים פאַרן יידישן קיום. צי ס׳איז געווען אין דעטראָיט, ניו־יאָרק און דערהויפּט אין שיקאַגע, וואו ער איז געווען דער אָנ־פירער׳ דער קאָפּ פון שלום־עליכם אינסטיטוט פאַר לאַנגע יאָרן; ער האָט אָנגע־פירט מיט דער שול־באַוועגונג, מיט פאַרשיידענערליי קאַמפּאַניעס, שטאַטישע, נאַציאָנאַלע, און פאַר העלפן שרייבערס אַרויסגעבן זייערע ווערק. בכלל — איז חיים געשטאַנען אויבנאָן ביים יידישן סעקטאָר ווי אַ באַוואוסטזיניקער פירער, דירעקטאָר און אָרגאַניזאַטאָר.

ס׳איז נישט געווען קיין איין ווינקל אינעם יידישן קולטור־לעבן פון שיקאַגע און מיטוועסט ראַיאָן וואו חיים זאָל ניט האָבן געווען דער פּלאַנירער, דער אָנ־פירער פון גרויסע יידישע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס; צי ס׳איז געווען די שול, די איוו״א אָדער קולטור קאָנפערענצן.

און איצט איז אָט־דער גרויסער יידישער כוח אַוועק אין דער אייביקער פינצטערניש. ס׳איז זיך אוממעגלעך פאָרצושטעלן׳ אַז אָט־די מענטשלעכע דינאַמאָ וועט קאָנען שטיל איינליגן אין זיין ענגן קבר און ניט אַרויסשפּרינגען מיט זיין אַנרעגנדיקן, ליכטיקן גייסט, כדי אויפצורודערן דאָס געזעלשאַפטלעכע יידישע קולטור־וועזן. מען מעג זאָגן, אַז אָן אים וועט זיין זייער ניט ליכטיק ביי דעם יידישן סעקטאָר אין שיקאַגאָ.

אינעם לעבן פון אַ מענטשן זיינען פאַראַן אַ סך מאָמענטן וועלכע לעשן אויס ביי אים זיינע אַמביציעס פון דעראָבערן דעם מצב פון דערהייבונג, סיי אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכקייט, פון פּערזענלעכן לעבן, לערנען, שטודירן׳ זיך פאַרפאָלקאָמען אין גייסטיקן וואַקסן און דערגרייכן די הויכע פּאָזיציע פון בילדונג. חיים האָט ניט גערוט, זיך ניט אָפּגעשטעלט, זיך ניט בנוגנט מיטן דערגרייכטן — ער האָט געהאַלטן אין איין שטייגן; האָט ער דערגרייכט איין פּאָזיציע, אַ צווייטע, אַ דריטע׳ האָט ער זיך אָנגעגורט און זיך פאַרמאָסטן צו דערגרייכן דעם העכסטן שטאַפּל פון זיין לייטער אויף וועלכן ער האָט געקלעטערט; ביז ער האָט באַקומען

---

אַז זי האָט געזען אַז אַלץ איז אין אָרדענונג: די הינדעלעך פּאַדען אַרומ׳ טוליען זיך איינע צו דער צווייטער, איז זי פון זיי אַוועק צו די בלומען־בייטן. דערזען וואָס דער ווינט האָט אָפּגעטאָן צו אירע טייערע בלומען, האָט זי זיך גע־שטעלט אויף אירע נאַקעטע קניעלעך, און מיט אירע קליינע הענטעלעך האָט זי געמומען אַוועקשאַרן דעם גלאַטן זאַמד וואָס דער ווינט האָט דאָ פאַרשאָטן, און עס איז איר ניט געלונגען... אין רוטעלעס אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט...

און דעניעל מיט זיין הונט „סענדי״ האָבן זיך געלאָזט לויפן צום אָפענעם פעלד, זוכן דעם פאַרפלויגענעם „קאַיט״, וואָס דער ווינט האָט פון זיינע הענט אַרויסגעכאַפּט...

זיין דאָקטאָראַט; ביז — יאָ — ער האָט געהאַט אין זיך זייער פיל ביזן... נאָר דער לעצטן „ביז" זיינער איז געווען די קאַטעדרע פאַר יידישע לימודים ביים רוזוועלט איניווערזיטעט אין שיקאַגע.

אָט־דעם הויכן פונקט האָט ער דערגרייכט, ווייל צו דעם האָט ער געשטרעבט אַלע זיינע יאָרן; אַ יידישע קאַטעדרע, וואו יידישע סטודענטן זאָלן איינפלאַנצן אין זיך די יידישע ליטעראַטור, פאָלקלאָר, יידישע געשיכטע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, יידישע מיסטיק — קולטור אַן ברייטסטן זין פון וויסן.

נו, האָט ער עס דערגרייכט בשלימות. נאָר ביים סאַמע דערגרייכטן מאָמענט האָט דער טויט אויסגעכאַפּט ביי אים זיין גאַנצע דעראָבערונג מיט אים צוזאַמען. ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן ווי דאָס לעבן פירט פירט זיך אין אונדזער דור... און אפשר איז עס דער גאַנג פון דער מענטשלעכער אומפאַרמיידלעכקייט — דער גורל פון לעבן.

דער רשע טוט אַלע זיינע זינדיקע אָנשטרענגונגען אויפן חשבון פון זיין נשמה; דער צדיק טוט אַלע זיינע אָנשטרענגונגען פון מעשים טובים אויפן חשבון פון זיין גוף...

חיים האָט צופיל פּאָזיציעס איינגענומען. לויט זיין פיזישן כוח האָט ער געדאַרפן זיך באַנוגענען מיט איין פּאָזיציע. ער האָט זיך גענייטיקט אין רו, אין איינהאַמעווען זיינע כוחות, אין אָפּשטעלן זיין באַרג־קלעטערן צו דער הויך; הייכקייט האָט ניט קיין שיער, קיין גרענעץ. חיים האָט ניט געוואוסט פון קיין גרענעץ אויב ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישע קולטור־טעטיקייטן; יידישע קולטור־ווערטן און יידישן גייסטיקן קיום פאַר כלל־יידישקייט.

אָט אַזוי־אַ עסט אויף פּריצייטיק — די אָרעמשאַפט אין קולטור־כוחות — די בעסטע ענערגיע פון אירע לערער, פירער, עסקנים און געלענטע, וועלכע שפּאַנען זיך איין אין די גרויסע עולן פון די קולטור־באַוועגונגען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

חיים פּאַמעראַנץ איז מיט זיין מוסטער־לעבן אַ רייכע בלאַט יידישע געשיכטע פון אַ קאָלאָסאַל יידיש קולטורוועזן אין שיקאַגע און אין מיטוועסט ראַיאָן פון דער יידישער אַמעריקע.

אָט אַזוי איז דער גורל פון אַ יידישן קולטור־עסקן, מנהיג און יידישן גע־לערנטן; וועלכער האָט מיט זיין דינאַמישן כוח אויפגעהאַלטן און געדינט דעם יידישן כלל אין אַלע זיינע גייסטיקע נויטן; געדינט געטריי ביז פאַר זיך איז אים ניט געסטייעט קיין פיזישע כוחות.

ווער איז שולדיק? דער טויט צי אונדזער בידנער קולטור־גורל?

דאָס וועט שוין בלייבן אומפאַרענטפערט ביז אַלע „ביזן" וועלן געלייזט ווערן.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק. זאָל זיין נאָמען ח י י ם טראָגן לעבן צווישן די רייען פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן איבער דער גאַנצער וועלט.

**מאַטעס**

---

## שיקט אַריין אייער אבאָנענטן אָפּצאָל

טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע לייענער.

---

# דער שרייבער און זיין בוך

(אַן אמתע קאָמעדיע, געהערט און איבערדערציילט פון פינחס רודאַי; געקירצט און פאַרצייכנט פון יצחקי)

אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פון זונטיק דעם 17טן פעברואַר ה"י, האָט פינחס רודאַי, אין זיין שטענדיקער אָפּטיילונג וואָס ער רעדאַקטירט יעדן זונטיק, אָפּגעדרוקט אַ לענגערע קאָמעדיע. די העלדן פון דער קאָמעדיע זיינען: דער מחבר (פינחס רודאַי) און זיין בוך („אויף אַמעריקאַנער ערד").

אין דער דראַמאַטיזאַציע קומט פאָר אַ דיאַלאָג צווישן דעם מחבר און זיין ערשט־געבוירן גייסטיק קינד — זיין בוך. דער שרייבער רעדט זיך נעבעך אַראָפּ פון האַרצן פאַר זיין קינד — דאָס בוך; וועגן די חבלי־לידה פון „אויסטראָגן" און דאָס שווערע „האָבן" ביז עס דערזעט די ליכטיקע וועלט; און אַז דער שרייבער מוז אַליין זיין סיי די „קימפעטאָרין" און סיי די „באַבע". און די א"ג בוך־קאָמיטעטן וואָס זייענען דאָ, איז ער מרמז, העלפן אַזוי דעם שרייבער ווי „קאַלטע פריפּאַרקעס" און ווי אַ טויטן באַנקעס...

און אַזוי באַקלאָגט ער דעם גורל פון יידישן שרייבער און דעם מצב פון יידישן בוך.

זיין מיטשמועסער, דאָס בוך, פרעגט זיין באַשאַפער: — און וואו זיינען דיינע אַלע הונדערטער פריינט, די לייענערס, דיינע פאַרברענטע חסידים? און וואו זיינען עפּעס דיינע קאָלעגן־שרייבערס? לויט כ'הער, האַלטן זיי אין איין שרייען: יידיש און יידיש, און יידישע ליטעראַטור, אַ געוואַלד! איז פאַרוואָס זאָלן זיי ניט צוליגן אַ האַנט לטובת דער יידישער ליטעראַטור און פאַרוואַרפן אַ גוט וואָרט פאַר מיר, האַ?... אפשר וואָלטן זיי אויפגעוועקט די לייענער פון זייער טיפן שלאָף!...

— מיינע קאָלעגן? (שמייכלט דער מחבר) געזונט זאָלן זיי זיין! זיי אַלע זיינען טאַקע גרויסע קעמפערס פאַר דער יידישער ליטעראַטור. אָבער זיי האָבן נעבעך קיין צייט ניט. זיי זיינען אַזוי אַריינגעטאָן אין דעם ליטעראַטור־וואַלד, אַז איבערן וואַלד זעען זיי נישט דיביימער... זיי זיינען אַזוי פאַרטיפט אין זיך אַליין, אַז וועגן אַנדערע שוויגן זיי ווי פרומע יידן ביי דער שטילער שמונה־עשרה..

— וואָס־זשע קען זיין דער תכלית פון מיר? — פרעגט דאָס בוך דעם מחבר — וועל איך טאַקע בלייבן ליגן דאָ ביי דיר, ווי אַ געבונדענער האָן צו דער כפרה? אָדער וועל איך אפשר אויך, ווי אַנדערע גייסטיקע יידישע קינדער, זיך מוזן פאַרקליידן אין גויאישע מלבושים און נעמען ריידן „קאַצאַפּאַניש"; ריידן צו מיינע יידישע ברידער אויף גויאיש?...

דער שרייבער גלעט זיין „קינד" אויפן רוקן: — אמת, מיין קינד „אויף אַמעריקאַנער ערד", איז עס נישט קיין זעלטנקייט, אַז יידן זאָלן ריידן גויאיש. זיי ריידן אפילו צום יידישן גאָט אויף גויאיש. אָבער מייאש זיין זיך טאָרן מיר ניט.

(דער שרייבער און זיין בוך דריקן זיך צו איינער צום אַנדערן. דער בריוו־טרעגער קלינגט אין טיר. ער האָט געבראַכט אַ באַשטעלונג אויף צוויי ביכער מיטאַמאָל!...).

דער אַמעריקאַנער האָט אַ ווערטל: *"It is more truth than poetry".*

**אַ. באָביטש**

# פעדער-שפּריצן

אַמעריקעס שוועסטער-שטאַטן. — מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ יידן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל משכיל: וועלכע זיינען עס די „שוועסטער-שטאַטן" פון אַמעריקע, וואָס ווערן אַזוי אָפט דערמאָנט אין די צייטונגען?

דער ייד האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און געענטפערט:

— זיכער בין איך ניט, נאָר לויט מיין מיינונג זיינען די שוועסטער-שטאַטן די פאָלגנדע: מיסעס סיפּי, מיני סאָטאַ, הינדע אַנאַ, פלאָרע אידע, קיילע ראַדאָ, קיילע פאָרניע, לואיזע אַנאַ, עלאַ באַמאַ, עלאַ נאָיז, מערי לאַנד, דעלאַ ווער, ווערא מאָנט, איידאַ האָו, און מיס זורי.

* * *

צוליב דעם וואָס פיל יידן האָבן באַקומען שוואַכע הערצער, האָלט מען פון שלאָגן זיך ווייניקער על חטא...

* * *

אויב עס געפינען זיך יידן וואָס שלאָגן זיך על חטא, זיינען דאָס אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געלאָזט איינריידן צו ווערן רייך אויפן סטאָק-מאַרקעט.

* * *

אין מלחמה און אין ליבע איז אַלץ כשר.

* * *

וואו ס'איז דאָ אַ צוואה, זיינען דאָ קרובים.

* * *

היראַט איז אַ טראַנזאַקציע, ביי וועלכער אַ מאַן פאַרפליכטעט זיך צו זאָגן אַ גאַנץ לעבן „יאָ", פאַר איין און איינציקן „יאָ" פון אַ פרוי.

* * *

ניין רבנים קאָנען קיין מנין נישט מאַכן, אָבער צען בעלי-עגלות — יאָ.

* * *

אַ גוטן פריינט זאָל מען געבן אַ שלעכטע עצה, און דעם שונא — אַ גוטע עצה, ווייל די מערסטע מענטשן טוען דאָס פאַרקערטע, וואָס מען עצה'ט זיי.

* * *

די פען, די שווערד און איבערהויפּט דאָס געלט, זיינען די וואָס באַהערשן און פירן די וועלט.

* * *

אַ באַנק איז אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס לייט דיר געלט, אויב דו קענסט ברענגען געוגוג באַווייזע, אַז דו דאַרפסט ניט...

* * *

דיפּלאָמאַטיע — אַ פּאַטריאָטישע קונסט פון זאָגן ליגן פאַר דער אייגענער מלוכה.

* * *

לינקאָלן איז געווען גערעכט — איר קענט ניט נאַרן אַלעמען — נאַרנדיק יעדן איינעם באַזונדער.

* * *

אַ מענטש וואָס לייענט נישט איז אין דער זעלביקער מדרגה, ווי איינער וואָס קען נישט לייענען.

# פאַרוואָס אַ פּרעמיע?

(פראַגמענט פון רעדע פון בעל־הפרעמיע ביים אויסטיילן די 3טע ליט. פּרעמיע)

חשובע קאָלעגן פון דער זשורי: זלמן זילבערצווייג, מלכה טוזמאַן, מאָטעס דייטש און פאַרזאַמלטע:

מיט דריי יאָר צוריק, ווען כ'האָב עטאַבלירט דעם ליט. פאָנד, כדי אויס־צוטיילן פרעמיעס פאַר דער בעסטער עסיי און בעסטער דערציילונג פון יאָר; האָבן אַ פּאָר וואוילע יידן מיך אַ פרעג געטאָן (און אפשר האָבן עס אַ צאָל אַנדערע אויך געהאַט אין דער מחשבה): — פאַרוואָס דווקא אַ פּרעמיע פאַר ליטעראַטור?! האָסטו שוין ניט געפונען קיין מער נויטיקערע זאַכן אין יידישן לעבן צו שטיצן? מיר האָבן דאָ אין שטאָט כלערליי אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, וואָס וואָלטן דיינע בידנע 400 דאָלער אַ יאָר אויפגענומען ווי אַן אבן־טוב! און וואָס מכוח די גרויסע נאַציאָנאַלע נויטן, פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, הסתדרות, יו.דזשי.איי. און אַזוי ווייטער?

אַוודאי זיינען די אַקציעס פאַר די דערמאָנטע אינסטיטוציעס פון גרויס נוצן; און געשטאַרקט זאָלן זיין די הענט פון די וואָס זיינען זיך מתעסק מיט דעם. אין מיין גאַנצער עניוות וויל איך זאָגן, אַז איך פאַרפעל נישט צו שטיצן אויך יענע נויטן, לויט מיינע באַגרעניצטע מעגלעכקייטן. אָבער... בעת אויף די דער־מאָנטע נויטן רופט זיך אָפּ ברייטהאַרציק דער רוב פון יידנטום, אומעטום בכל תפוצות ישראל; ווערט אָבער אייך אַספּעקט אין יידישן לעבן גוואַלדיק פאַרזען און פאַרפעלט געשטיצט צו ווערן, נעמלעך: אונדזער יידישע ליטעראַטור.

דאַרף איך אייך דערציילן דעם מצב פון יידישן בוך, פון יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל? אין דאָס רוב פאַלן איז איצט דער שרייבער אַליין דער אַרויסגעבער, אַליין דער פינאַנסירער און ניט זעלטן אַליין דער פאַרשפּרייטער פון זיין ווערק. מיר האָבן ניט קיין גרויסע לייענער־פּעריפעריע, בלייבן אַ סך ווערטיקע מאַנו־סקריפּטן ביי יידישע שרייבער ליגן אין זייערע שופלאָדן ניט געדרוקטע, פאַר־וואַרלאָזטע, און ווייל די אָפּנעמער פון יידישן בוך זיינען געציילטע, קאָן דער שרייבער זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס אַרויסצוגעבן זיינס אַ בוך; מוז ער, דער שרייבער, זיך באַנוגענען מיט אָפּדרוקן זיינע אַ ווערטיקע עסיי אָדער דערציילונג אין איינעם פון די בעסערע ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואָס מיר האָבן אין יידיש־לאַנד

אין אונדזערע טעג, אויב אַ יידישער שרייבער, וואָס איז נישט באַשעפטיקט אין אַ טאָג־צייטונג אָדער וואָכנשריפט, איז ער בכלל ווייניק באַקאַנט פאַר דעם ברייטן יידישן עולם. און צו דעם געקליבענעם בעסערן יידישן לייענער קען דער שעפערישער שרייבער נאָר קומען מיט זיינס אַ קערנדיקע שאַפונג דורך די בעסערע סטאַבילע לישעראַרישע זשורנאַלן. אָן זיי וואָלט דער עסייאיסט און דערציילער גאָר געבליבן — ליטעראַריש שטום.

ווען איך טראַכט וועגן דעם גורל פון יידישן שרייבער, וועגן דעם מצב פון יידישן בוך, און בכלל וועגן בעסערן יידיש־געדרוקטן וואָרט; און די יידישע סביבה, אין וועלכער דעם שרייבערס קומט אויס צו ווירקן און צו שאַפן, ווערט אויך וואָס אַמאָל איינגעשרומפּן און אָפּגעפרעמדט; און דאָס איז, צום באַדויערן,

ניט נאָר אויף דער פּראָווינץ, אין דער יידישער לאָס אַנגעלעס, נייערט דאָס אייגענע איז אין דעם גרויסן פיל־מיליאָניקן יידישן ניו־יאָרק. אויך ניט בעסער איז עס אין בוענאָס איירעס, מעקסיקאָ, לאָנדאָן, פּאַריז — אומעטום ביים איצטיקן מצב פון דער אַלץ מער פאַרכאַפּנדיקער שפּראַך־אַסימילאַציע — געפינט זיך דער יידיש־שרייבער אַן עלנטער, אַ פאַרוואָרלאָזטער און אַ פאַר׳יתום׳טער. איז עס, פאַרשטייט זיך, אַ באַדויערנדיקער מצב און אַ האַרבע דערשיינונג.

איז אָט פאַרוואָס דווקא אַ ליטעראַרישע פּרעמיע! עס ברענגט אַריין אַביסל יום־טוב׳דיקייט, געהייבנקייט און דערמוטיקט כאָטש אַביסל דעם שעפע־ריש־טאַלאַנטירטן שרייבער; באַליכטיקט אין אַ געוויסן זין זיין פאַרנעפּלטן ליטעראַרישן האָריזאָנט...

ווי זאָגט אין זיינעם אַ בריוו צו מיר, יחזקאל קייטלמאַן (געווינער פון דער פּרעמיע פאַר זיין דערציילונג „דער רייטער"):

„גרויס איז דער אויפטו מיט געבן פּריזן פאַר יידישע שרייבער, ווייל דער־מיט וועקט איר דעם אינטערעס פאַר אונדזער ליטעראַטור, וועלכע גייט דורך אַזאַ שווערע צייט און ווערט אַזוי פאַרשעמט און ניט אָפּגעשאַצט פון אונדזער פאָלק. צו באַקומען אַ ליטעראַטור־פּרעמיע, דערהויבט און באַזעלט דעם שעפע־רישן מענטשן."

מ. גראָס־צימערמאַן, פון תל־אביב, געווינער פון דער פּרעמיע פאַר זיין עסיי: „שפע און צימצום", שרייבט צווישן אַנדערן:

„מיר יידישע שרייבער פון היינטיקן טאָג, לאָסטשען זיך איינער צום אַנדערן אין אַ מין חסידים שטיבל, וואָס זיין איינזאַמקייט ציט זיך איבער ימים און יבשות."

אין זעלביקן גייסט האָט זיך אויסגעדריקט דער יידישער קולטור קאָנגרעס:

„ביי היינטיקן טאָג איז זייער וויכטיק יעדע פאָרם פון דערמוטיקן די שעפערישע כוחות אין אונדזער קולטור לעבן."

דאָס, חברים און חברות, איז די כוללדיקע שטימונג פון דעם שרייבער, דיכטער און יידיש שעפערישן מענטשן. פּרעמיעס ווערן געגעבן כדי צו סטי־מולירן און דערמוטיקן דעם שרייבער צו פּראָדוקטיוויטעט און דערהויבן אים צו אַ גרעסערער אָפּשאַצונג און פאַרדינסטפולער אָנערקענונג.

אָט־די פאַרוואָרלאָזטע און מוטלאָזיקע שטימונג ביים יידישן שרייבער אין אונדזערע טעג האָט גאָר אַ סך גורם געווען מיין מחשבה און דעציזיע צו עטאַב־לירן דעם ליטעראַטור־פאָנד. אויב מיין טואונג פון געבן פּרעמיעס צו פאַרדינסט־פולע עסייאיסטן און דערציילער וועט אפילו אין אַ קליינער מאָס דערמוטיקן און קרעפטיקן די שעפערישע כוחות ביי אַ טייל שרייבער צו שאַפן ליטעראַטור־ווערטיקע ווערק, וועט עס אויך מיר ברענגען אַ נחת־רוח׳דיקע דערהייבונג ממשיך צו זיין אָט־די יערלעכע ליטעראַטור פּרעמיעס צו פאַרדינסטפולע עסיי־איסטן און דערציילער.

איך וויל דאָ אויסדריקן מיין דאַנק צו די קאָלעגן פון דער זשורי פון יאָר 1962: זלמן זילבערצוויג, מלכה טוזמאַן, און מאַטעס דייטש, וועלכע האָבן קאָלע־גיאַל מיט מיר צוזאַמענגעאַרבעט. און ווי מען שרייבט אונדז, מעגן מיר זיך גראַטולירן מיט דעם געראָטענעם אויסוואַל פון די ביז־איצט פּרעמירטע און, אַז די פּערטע פּרעמיע פון 1963 זאָל זיין אַ בישט ווייניקער געראָטענע.

י. פּ.

## דער אויסטייל פון פרעמיעס ביים פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד

1963

שבת אָוונט, דעם 26טן יאַנואַר, איז אין ל. א. יידישן קולטור קלוב דורכ־געפירט געוואָרן אַ ליטעראַטור־אָוונט לכבוד דעם אויסטייל פון די פרעמיעס פון יאָר 1962. פאָרזיצער פון אָוונט, זלמן זילבערצווייג, האָט אין זיין אַריינפיר גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון ליט. פרעמיעס. מלכה טוזמאַן האָט רעפע־רירט וועגן דער פרעמירטער דערציילונג פון י. קייטלמאַן, און מאַטעס דייטש האָט רעפערירט וועגן דער פרעמירטער עסיי פון גראָס־צימערמאַן. דער פאָר־זיצער האָט פאָרגעלייענט שריפטלעכע באַגריסונגען פון קולטור קאָנגרעס, פון פע"ן־קלוב, פון די געווינערס פון די היי־יאָריקע פרעמיעס. חבר סאָפּיאַן האָט באַגריסט פון קולטור־קלוב. און דער בעל־הפרעמיע האָט גערעדט וועגן דעם ענין: „פאַרוואָס פרעמיעס?" דעם מוזיקאַלישן טייל פון אָוונט האָט פאָרגעטראָגן דער מאַסטער פּיאַניסט, לעאָן קושנעראָוו.

## אָפּרופן און באַגריסונגען פון קאָלעגן און פריינד

צו דער חשובער זשורי פון דער

י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פרעמיע — לאָס אַנדזשעלעס

טייערע קאָלעגן און פריינט:

אייער סעקרעטאַר, ח' מאַטעס דייטש, האָט מיר מודיע געווען, אַז איר האָט באַשטימט די פרידלאַנד־פרעמיע 1962 פאַר מיין עסיי „שפע און צמצום" („גאָלדענע קייט" נומ. 44), נעמענדיק אין חשבון אויך אַנדערע פון מיינע עסייען וועגן ליטעראַטור.

אַ האַרציקן יישר־כוח פאַר אייער פריינדלעכער אַנערקענונג.

למאי זאָל איך לייקענען: יום־טוב איז יום־טוב. חסידים האָבן געוואוסט דעם סוד פון מאַכן יום־טוב אין סאַמע מיטן אינדערוואָכן: איז שוין געווען נשמה יתירה. זי האָט געוואַרט אין דער נאָענט. זי איז געווען טאַקע די נאָענטשאַפט אַליין — אינטימיטעט בציבור.

מיר יידישע שרייבערס פון היינטיקן טאָג לאַשטשען זיך איינער צום אַנדערן אין אַ מין חסידים־שטיבל, וואָס זיין איינזאַמקייט ציט זיך איבער ימים און יבשות. וואָלט איך נישט זיין קיין עניו, פון די „באַרימטע", וואָלט איך זיך אַביסל העזה־דיק, אָפּגעשטעלט אויף אייער פיינעם ליטעראַרישן געשמאַק ביים אָפּקליב פון פרעמיע־קרבן פאַר דער עסייאיסטיק פון 1962.

עס גלוסט זיך מיר אויך זאָגן כאָטש אַ וואָרט וועגן פריינט י. פרידלאַנד, אַליין אַ שרייבער מיט חשיבות, וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט גענוג נשמה־ענערגיע, צו זיין דערביי אַ ליבהאָבער אויך, אַזויצוזאָגן, נאָך דער אַרבעט: אַ זעלטענע קאָמ־בינאַציע. קאָן זיין, אַז דער גורל, וואָס האָט אַ שלעכט געוויסן לגבי אונדז, וויל מטיב זיין אַמאָל מיט אַ גוטמוטיקן קאַפּריז.

נעמט אָן מיין ברכה, טייערע חברים, און דעם אויפריכטיקן אויסדרוק פון דרך־ארץ און חברשער געטריישאַפט.

אייער — מיט כבוד און גרוס —

מ. גראָס־צימערמאַן (תל־אביב)

חשובער פּאַרזיצער, חברים פון דער זשורי, ליבע פריינד:

ביי יידן, אַז מען איז וועמען מכבד מיט „יעמוד" איז עס אַ כבוד אי פאַר דער תורה און אי פאַר דעם אויפגערופענעם. על־פּי־דין דאַרף ער מאַכן אַ ברכה און דאַנקען דעם נותן התורה, וואָס האָט אים מזכה געווען מיט אַ ניצוץ פון זיין שעפערישן גלאַנץ און אים געמאַכט פאַר אַ שיתוף צום וועלט־באַשאַף.

אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש — היו משיאין משאות — מען האָט אָנגעצונדן פאַקלען אויף די בערג און דורכדעם צו וויסן געטאָן דעם פאָלק ווען עס דאַרף מחדש החודש זיין. זאָגט אַליין, ליבע פריינד, צי איז דאָס געבן אַ יידישן שרייבער, וואָס זיצט אין ניו־יאָרק, אַ פּרעמיע אין לאָס אַנדזשעלעס, נישט אַזאַ אָנצינדן אַ פייער און צו וויסן טאָן דעם פאָלק ווער עס איז עולה לגדולה געוואָרן דורך שעפערישער אַרבעט?

חשובע פאַרזאַמלטע: די דערציילונג מיינע, „דער רייטער", וועגן וועלכער עס רעדט דאָ היינט די חשובע דיכטערין מלכה טוזמאַן, אָט־די טעמע האָט מיר נישט געגעבן קיין רו פון יענער מינוט אָן ווען איך האָב מיך אומגעקערט פון רוסלאַנד. פון פאַרנט האָבן נאָך אויף מיר געגליט די רוסישע פרעסט און פון אינטן — די פייערן פון טרעמבלינקע, בעלזשיץ און אַשוויענטשים. גאָט האָבן מיר דאַמאָלס איינגאַנצן אַרויסגענומען פון אונדזער בילד, ווייל — האָבן מיר געזאָגט — עס איז דאָך גאָר נישט מעגלעך, אַז ער, דער באַשעפער, זאָל זיצן אין די הימלען אויף זיין גילדענעם כסא־הכבוד און זאָל גאָרנישט זען וואָס עס טוט זיך אויפן זיין ערד?

און ווייל גאָט איז מער נישט געווען אין אונדזער חשבון, האָט מיך נישט אויפגעהערט מוטשען די פראַגע: „טאָ ווער איז יאָ געווען?" אויב נישט קיין עדות, קיין באַפעלער, קיין באַוויינער, אפילו נישט קיין שפּאָטער פון אונדזערע ליידן? הייסט עס אַ וועלט אָן השגחה, אויסגעלאָשן און שטום; בלויז דער קרבן אין שפּיגל פון גזלנ׳ס אויג?

ווייטער האָב איך מיר געפרעגט: ווער האָט געגעבן אין יענע צייטן כוח און ליבשאַפט אין האַרץ פון מאַגדאַן, די איינציקע, דעם אויסנאַם פון פוילישן פאָלק, זי זאָל ליב האָבן און וועלן ראַטעווען דעם נישט־דערשאָסענעם ייד פון ראַפּשיץ? און ווער האָט דאָס אַריינגעלייגט אין מויל די ווערטער פון איינעם פון די גזלנים ער זאָל ממש האָבן גלוי אליהו און אַרויסזאָגן דעם געטלעכן זאָג: „אַז ווי עס ווייזט אויס, קען מען נישט דערשיסן דעם לעצטן ייד." און ווער איז געווען דער, וואָס האָט די נאָך קוים־קוים זשיפּענדיקער יידישער טאָכטער, די נעכטיקע שטיינמאַן פון מעליץ, אַרויפגעלייגט אויף איר צונג אָט־די אַלע טענות און מענות?

חשובע חברים און פריינד: איך בין זיכער און מסתמא זענט איר אויך זיכער, אַז נאָך במהרה בימינו וועלן מיר זוכה זיין צו הערן אין די גאַסן פון יהודה וישראל קול שמחה וקול ששון.

און איך ליבע חברים, חשובע שריפטשטעלער פון דער זשורי: חבר מאַטעס דייטש, ח׳ זלמן זילבערצווייג, חברה מלכה טוזמאַן, און חבר י. פרידלאַנד אויך פונדאַטאָר פון דער וויקטיקער פרעמיע, מיין האַרציקן דאַנק און יישר כוחכם!

**יחזקאל קייטלמאַן**

## אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס (ציק״א)

25 איסט 78טע גאַס — ניו־יאָרק 21, נ.י.

י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

חשובע פריינד:

מיר שיקן אייך איבער אונדזער האַרציקסטע באַגריסונג און ברכות צו דער געלעגנהייט, ווען איר טיילט אויס — שוין צום דריטן מאָל — די פּרעמיעס פון י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד. עס איז ביים היינטיקן טאָג זייער וויכטיק יעדע פאָרם פון דערמוטיקן די שעפערישע כוחות אין אונדזער קולטור־לעבן. דער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט גלייך ביי זיין גרינדונג פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון ליטעראַרישע פּרעמיעס, וואָס זאָלן געבן אָנערקענונג די טאַלאַנט־פולע שריפטשטעלער וואָס ווירקן אין אונדזער לעבן.

דיביידע קאָלעגן־שרייבער, וועלכע איר האָט פּרעמירט — גראָס־צימערמאַן פון ישראל און י. קייטלמאַן פון די פאַראייניקטע שטאַטן — האָבן פולשטענדיק פאַרדינט די אנערקענונג, וועלכע אייער זשורי האָט זיי געגעבן. דער יידישער עסיי איז אַ וויכטיקער זשאַנער אין אונדזער ליטעראַטור. די קורצע דערציילונג איז גענוצט געוואָרן ווי אַ קונסט־פאָרם דורך אונדזערע גרויסע מייסטערס, די ראשונים ביים סוף פון לעצטן יאָרהונדערט.

נאָכאַמאָל נעמט אָן אונדזער באַגריסונג און אויסדרוק פון אנערקענונג. מיר שיקן אויך איבער אונדזער האַרציקסטע באַגריסונג צו די חברים מיטגלידער פון אייער זשורי, די פריינד: זלמן זילבערצווייג, מלכה טוזמאַן, מאַטעס דייטש, און צו דעם גרינדער פון דער פּרעמיע, י. פרידלאַנד.

מיט די בעסטע גרוסן,

**ח. בעז**, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר

---

## פ ע ״ ן  ניו־יאָרק  1963

צום י. פרידלאַנד־פאָנד
4375 סאַנסעט דרייוו, לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

מיר באַגריסן אייך צום היינטיקן אָוונט פון אויסטיילן די פּרעמירטע שריפט־שטעלערס, יחזקאל קייטלמאַן און גראָס־צימערמאַן, די פּרעמיעס פאַרן יאָר 1962, אין אייער היים־שטאָט לאָס אַנגעלעס.

זייט געגריסט און זאָלן אייערע הענט זיין געשטאַרקט אויף להבא. מיר באַ־גריסן דער זשורי, וואָס באַשטייט פון אַ דערהויבענעם מזומן: זלמן זילבערצווייג, מלכה טוזמאַן און מאַטעס דייטש. מיט אַזאַ מזומן וועט איר שטענדיק גרייט זיין צו בענטשן דער יידישער ליטעראַטור.

און צום פונדאַטאָר, י. פרידלאַנד, זאָגן מיר: די שענסטע ברכות פאַר אייער גוט־געוואונטשטער אַרבעט; זאָלט איר עס נאָר אָנהאַלטן ביז הונדערט און צוואַנציק.

מיט קאָלעגיאַלן גרוס צו אייך און די לאָס אַנגעלעסער יידן. אַ גוט יום־טוב!

**א. גלאַנץ־לעיעלעס**, פּרעזידענט
**ש. אַפּטער**, סעקרעטאַר

---

ליבער און זייער חשובער פריינד און קאָלעגע י. פרידלאַנד:

אַ גרויסן, גרויסן דאַנק אייך פאַר דער מתנה, אייער ניי בוך — „אין טעג פון גערשנגל,״ וואָס איך האָב אויפגענומען מיט באמת וואַרעמען אינטערעס. איך גראַטוליר אייך, און איך קען אייך זאָגן אין דער קורצער קבלה, איז, אַז כאָטש איך האָב דאָס בוך דערווייל נאָר געבלעטערט, בלויז מעיין געווען, האָב איך צבער פון אַנהויב אָן, דאַכט זיך, באַמערקט — אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך אין אַ בעלעטריסטישער אַרבעט — דאָס אוצרדיקע ליים פון דעם קנעטער, איך מיין, דאָס אויטאָביאָגראַפישע, וואָס איז אַזוי אָפט דאָס סאַמע אויטענטישע אין דעם בוים פון וויסן, ביי אונדזער פענצטער, אין די יאָרן פון שרייבערישער רייפקייט. אַ סימן, מיט אַ וואָרצייכן — אייער „רעטראָספעקט״ ביים סוף פון בוך. דאָ, אין רעטראָספעקט, זיינען די טעג פון גערשנגל אויפן וועג צו דער נייער וועלט, און דאָ — דער פּיאָנער אין יוטאַ־טאַל, סיימאָן, אין טאָל פון צפון קאַליפאָרניע, וואו ער האָט „ביט ווי אַ פאַרבייגייער, עפּעס צו פאַרקויפן״, זיך באַזעצט צווישן די סעטלערס, געבערענגט די ברכה פון וואַסער אין דער זוניקער טריקעניש און אויפגעבויט אַ גאַנצע שטאָט — אַ „סיימאָנדייל״.

אַ „סיימאָנדייל״, אַ „חשבון״, אַ פיר ביכער, אַ פרידלאַנד פּרעמיע.

זייט מיר געזונט און שטאַרק — אייער,

## אליעזר בלום

ליבער פריינט י. פרידלאַנד:

מיין האַרציקן דאַנק פאַר אייער פיינעם בוך „אין טעג פון גערשנגל״, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט מיט אַ צייט צוריק.

איך האָב ערשט פאַרענדיקט לייענען אייער בוך און איך שרייב אייך די עטלעכע שורות פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער הנאה, וואָס איך האָב געהאַט לייענענדיק אייער גרויסע באַוועלע וועגן דעם מאלער יואל און זיינע וואַנדערונגען און אויך פאַר דער צאָל קליינע דערציילונגען.

אייער שרייבן איז זייער בילדעריש; די שילדערונגען פון כאַראַקטערן, געשטאַלטן, זיינען טרעפלעכע, פּאַרטיפּטע אין זייערע יסורים, בענקשאַפט, פרייד און אין דער טעגלעכער גרויקייט.

פון די שורות זינגט אַרויס אַ שטילער לירישער טאָן, פון די בילדער גע־צייכנטע אין ווערטער קוקט אַרויס אַ שלל מיט קאָלירן און עס שאַפט זיך אַ גאַנצקייט.

„אין טעג פון גערשנגל״ איז אַ קרעפטיק פּראָזע בוך.

זייט געזונט און שטאַרק — אייער,

## מ. דלוזשנאָווסקי

טייערער פינטשע בערמאַן:

איבערגעלייענט אייערע צוויי לידער אין נומער 32 „חשבון״ און ס׳ווילט זיך איך זאָגן: יישר כוח!

ס׳איז גוט וואָס איר זעט ווי „עס גייט אויף דאָס געטלעכע ליד...״ און ווי „אין זיין גאַנצער פּראַכט דאָרט זע איך גאָטס געשטאַלט...״

אַ יידישער פּאָעט דאַרף אַזוי זען די וועלט, שטענדיק, אין אַלע צייטן —די

סאַמע פינצטערסטע דאָס איז די מיסטיק, דער גרויסער סוד, פון יהדות — די אמונה אין יוצר, מיט וועלכן מיר האָבן פאַרשניטן אַ בונד פון סאַמע בראשית.

אָט־די אמונה, אָט־דער בטחון, אין אמת פון דער וועלט, האָט באַהערשט יידישע שעפער, נביאים, וויזיאָנערן און יידן בכלל, אין אַלע צייטן.

מיט אָט־דעם אמת וועלן מיר דערגיין דורך אַלע געשיכטלעכע זיגזאַגן, צום גרויסן יידישן זין — דער גאולה פון דעם מין מענטש.

זייט מיר געזונט און שטאַרק — אייער,

אהרן גיסענזאָן

# ה. לייוויק געדענק־אָוונטן

-1963-

שבת, דעם 2טן פעברואַר, איז דורכגעפריט געוואָרן אַ ה. לייוויק געדענק־אָוונט אין קולטור קלוב. דער פאָרזיצער י. פ. האָט באַקאַנט געמאַכט דעם גרויסן עולם, וואָס איז געקומען באַערן לייוויקס אָנדענק, מיט דעם נפטרס ביאָ־ביבליאָגראַפיע. ס. נוטקעוויטש האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „לייוויק, דער מענטש און שאַפער"; אליהו טענענהאָלץ האָט פאַרגעלייענט אַ ציקל לידער פון לייוויק; אַניטאַ פריינדליך־שעף האָט געזונגען לייוויקס לידער: „ערגעץ־וויט", „אייביק", „לייג דיין קאָפּ". שענאַן געלסאָן ביי דער פּיאַנאָ.

* * *

דער מאַקס פיין פועלי ציון צווייג האָט דורכגעפירט אַ לייוויק געדענק־אָוונט. מ. סילבערט, פאָרזיצער.

דער פּרץ הירשביין צווייג נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט אַ ה. לייוויק געדענק־אָוונט. י. פריינד, פאָרזיצער.

פּיאָנערן פרויען צווייג האָט געווידמעט זייער ביייאָגיקע מסיבה צום אָנדענק פון ה. לייוויק ז"ל. ביי די לעצטע דריי לייוויק אַקאַדעמיעס איז י. פרידלאַנד געוועזן דער גאַסט־רעדנער.

* * *

שבת אָוונט, דעם 23טן מערץ, האָט דער היגער אַרבעטער רינג איינגעאָרדנט אַ געדענק־אָוונט לכבוד ה. לייוויק ע"ה. סערגעי נוטקעוויטש האָט רעפערירט וועגן „דאָס אייביקע אין ה. לייוויקס שאַפונגען". יעקב ניומאַן האָט פאַרגעלייענט פון ה. לייוויקס לידער; שמואל קלעמער האָט געזונגען אַ ציקל פון לייוויקס לידער, און ליליען קלעס ביי דער פּיאַנע.

# ביבליאָגראַפישע רשימה פון יידישע ביכער פאַרן יאָר 1961

לויט דער ביבליאָגראַפישער רשימה וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון איסר גאָלדבערג, פאַרוואַלטער פון ציק"א־פאַרלאַג, זיינען אין יאָר 1691 דערשינען 146 יידישע ביכער, לויט די פאָלגענדיקע לענדער: פאַראייניקטע שטאַטן — 47 ביכער; ישראל — 33; אַרגענטינע — 31; פּוילן — 10; פראַנקרייך — 9; מעקסיקאָ — 4; דרום אַפריקע — 2; בראַזיל — 2; ענגלאַנד — 2; אויסטראַליע — 1; קאַנאַדע — 1; סאָוועט רוסלאַנד — 2; רומעניע — 2. סך־הכל — 146.

# בּ. אַלקוויט ע"ה

ב. אַלקוויט (אליעזר בלום) ע"ה, באַוואוסטער דיכטער און דערציילער, איז צום 67טן יאָר פון זיין לעבן נפטר געוואָרן. אַלקוויט איז געווען אַן אייגנ־אַרטיקער און אָריגינעלער דערציילער. ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם רוב ליטעראַרישע זשורנאַלן; צווישן זיי דער זשורנאַל „אין זיך", פון וועלכן ער איז געווען מיט־רעדאַקטאָר. זיין בוך דערציילונגען: „אַ הויז אויף פּרץ סקווער," האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען אין דער ליטעראַרישער וועלט. אַלקוויט איז צוויי מאָל פּרעמירט געוואָרן: איין מאָל פון דעם צבי קעסטל פאָנד, און אין 1961 איז ער פּרעמירט געוואָרן פון „פרידלאַנד פאָנד." די ידיעה וועגן זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער צווישן די שרייבערס און קולטור אָרגאַניזאַציעס און איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור. כבוד זיין אָנדענק.

## אסתר שומיאַטשער - הירשביין אָוונט

דער פּרץ הירשביין צווייג פאַרבאַנד אין ל.אַ. האָט דורכגעפירט אַ ליט. אָוונט לכבוד דער דיכטערין אסתר שומיאַטשער. אין דער קינסטלערישער טייל פון אָוונט האָבן אנטייל גענומען: אליהו טענענהאָלץ, אַניוטאַ פריינדליך־שעף, ראָמאַ לעהרער קאַטש און יצחק ביומאַן. די דיכטערין, אסתר שומיאַטשער, האָט איבערגעגעבן אירע אינטערעסאַנטע איינדריקן פון ישראל, וואו זי האָט געוויילט צוויי און אַ האַלב יאָר. דער אָוונט איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון י. פריינד.

# איר וועט דאָ געפינען אייער נאָמען

## אונזער וואַרעמען דאַנק צו די פאָלגנדיקע פריינט, קאָלעגן, נייע און באַנייטע אַבאָנענטן אויף דעם „חשבון":

רות זהבה - רויטבלום ; מ. גולד, יאָסל בערלינער, י. ריווין, זיגמונט לעוו, ווילי שאַר, אסתר שפּאַנקע, לואיס גאָלד (דעטראָיט), יצחק סאַפּיאַן, מ. קאַפּלאַן, גאָלדע דראָזד, לאָטי מלאך, לואיס שקאָלניק (קליוולאַנד), מרים הירשבערג, לינע לאַגין, ראָוז געסין (וואָרוויק, ראָוד איילענד); אַנאַ סאָלאָוו, עלי מאַרדאָן, ג. קאַפּלאַן (נ"י), בעסי פּאָמעראַנץ (שיקאַגע), רות גודמאַן, י. גרינשפּאַן, משה צוקער (נ.י.), שמעון וואוזיק און אליהו שוואַרץ (ראָטשעסטער), פּ. בערמאַן, בערל בוים, (ווילקעס־באַר), מ. גלאַזער, ח. ראָטשטיין, יצחק ביומאַן, גאָרעליק (נ.י.), זעליג העלער (שיקאַגע), אַדעל האָפּער (קליוולאַנד, לוי גאָלדבערג, מאַקס גאַרפינקל (ס. פּ.), דייוויד פּלעאָו, נתן נאָרמאַן, דזש. פּאָול (פילאַ.), שעכטער (גרענד ראַפּידס).

אַ באַזונדערן דאַנק צו די חברים : יוסף פּאַניטש, שלמה צוקערמאַן, יוסף וויינמאַן, נתן פּאָדעמבערג, מאיר לעדערמאַן, לייזער מעלצער, יצחק סאַפּיאַן, פאַר זייער הילף צו אונזער שריפט.

---

**אויפמערקזאַם אַבאָנענטן !** מיר בעטן אייך אונדז לאָזן וויסן ווען איר בייט אייער אַדרעס, אָדער ווען איר דערהאַלט נישט רעגולאַר דעם „חשבון."

---

# אַרײנגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

ל. פײנבערג: „דער געבענטשטער דור," ראָמאַן אין פּערזן, װעגן דעם דור װאָס האָט געלײגט די יסודות פון מדינת ישראל. דאָס בוך האָט 4 טײלן: די טרוימער; די זוכער; די שטערער; די בויער. אַרויסגעגעבן פון „ל. פײנבערג יובל קאָמיטעט, ניו־יאָרק 1962.

* * *

מאיר זימל טקאַטש: „מײן האָב און גאָב" צװײטער באַנד געזאַמלטע פּערזן מיט אַ ביבליאָגראַפיע, צוזאַמענגעשטעלט פון יעפים ישורין. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „מנורה," תל אביב 1963.

* * *

ש. טענענבוים: „דער שר פון לעבן" זכרונות. אַרויסגעגעבן פונם מחבר מיט דער מיטהילף פון י. װינעצקי פאָנד בײם יידישן פּע"ן קלוב, נ. י., 1963.

* * *

חיים באַרקאַן: „אויף פרעמדער ערד" (נאָװעלע) שילדערט דאָס לעבן פון אַ יידישער פישער משפחה אין אַ דאָרף צװישן ניט־יידן אין בעסאַראַביע. דער מחבר שילדערט די דאָרטיקע סביבה, די נאַטור פון טײך, באַרג און פעלד; יידן און ניט־יידן אין זײער שטײגערישקײט אויף אַ קרעפטיקן אופן. די נאָװעלע איז אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „דער שפּיגל", בוענאָס אײרעס, 1962.

* * *

בנימין עליס: „אויפן װעג צום בונקער," זכרונות פון איבערלעבונגען אין די היטלער־לאַגערן. אַרויסגעגעבן פון מחבר אין ניו־יאָרק, 1962.

* * *

מלכה לי: „אין ליכט פון דורות" (לידער). פאַרלאַג י. ל. פרץ, מיט אַ ביבליאָגראַפיע פון יעפים ישורין. האָט 215 זײטן.

משה מאַנדלמאַן: „דער אָנזאָגער פון דער יידישער װעלטלעכער קולטור," צום 100 יאָריקן יובילײ פון „קול מבשר", די ערשטע צײטונג אויף יידיש (ברושירט).

* * *

בעריש װײנשטײן: „אַפּקלײב, יערלעכע אַנטאָלאָגיע פון לידער פון יאָר 1962; צוזאַמענגעשטעלט און אַרויסגעגעבן פון בעריש װײנשטײן; העפט 9, יאַנואַר, 1963.

* * *

מענקע קאַטץ: „ביטער רוטה" (ביטערער װאָרצל), ענגלישע פערטל־יאָר שריפט פאַר פּאָעזיע. רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן פון מענקע קאַץ, ברוקלין.

* * *

פּינחס רודאַי (פּיני בעל־לשון): „אויף אַמעריקאַנער ערד", ראָמאַן פון יידישן לעבן, געדרוקט אין ישראל, אַרויסגעגעבן פון מחבר. האָט 477 זײטן אַ גלאָסאַר מיט פאַרטײטשטע העבראַעישע און ענגלישע װערטער. 1962.

* * *

משה גלאַזער: „תכלית", דראַמע אין דרײ אַקטן מיט אַ פּראָלאָג. הילע געצײכנט פון ב. מלחי. בראָשירט. פאַרלאַג „משה", ל. א., 1962.

* * *

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ: „די סאָװעטישע הרוגי־מלכות" (צום צענטן יאָרצײט) עסײען, קריטיק, בריװ, ביאָגראַפיעס און בילדער. אַרויסגעגעבן פון ייװו"א, בוענאָס אײרעס, 1962, 500 זײטן.

* * *

יעקב שמואל טײבעס: "צװײ מאָל חי"—36 יידישע לימעריקס. ניו־יאָרק 1962.

* * *

## זשורנאַלן און צײטשריפטן

קינדער־זשורנאַל (רעד. ליפע לערער, נ.י.); „אויפן שװעל" (רעד. קאַלעגיע, נ.י); אילוסטרירטע ליט. בלעטער (רעד. משה קנאַפּהײס); אַרגענטינער בײמעלעך (רעד. זעליג מאַזור); „דווקא" (רעד. סוסקעװיטש, אַרגענטינע); „היימיש" (רעד. יוסף מגן); „אײגנס" (רעד. מלך טשעמני); פּראָבלעמען (רעד. אַבא גאָרדין, (תל־אביב); אונדזער קיום (רעד. ד"ר ל. קורלאַנד, פּאַריז); שריפטן (רעד. קאַלעגיע, אַרגענטינע).

גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד

# פייגעלע פּאַניטץ — אַ זיבעציקערין

אונדזער אַלעמענעס באַליבטע זינגערין, פייגל פּאַניטץ, איז געוואָרן זיבעציק יאָר יונג. פייגעלע, וועלכע האָט מיט איר מעלאָדיש געזאַנג דערקוויקט די געמיטער פון די לאָס אַנדזשעלעסער יידן, האָט דערגרייכט די גלאָררייכע רייפע עלטער פון זיבעציק יאָר, כן ירבו.

הונדערט און צען מייל פון לאָס אַנדזשעלעס געפינט זיך אַ מדבר־שטעטל: „דעזעט האָט ספּרינגס". דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון מדבר־בערג; אויפן העכסטן באַרג: „סאַן כאַסינטאָ", איז דער באַרג־שפּיץ באַדעקט מיט שניי. צופוסנס פון די בערג ליגט אַ ליכטיק וואַרעם ווינקל, וואָס רופט זיך „פּאַלמער לאַדזש". די בעלי־בתים פון דעם זעלטענעם זוניקן וואַרעמען ווינקל זיינען: סאָפי און סעם בוירגער.

האָבן זיך די בוירגערס דערוואוסט, אַז אונדזער פייגעלע ווערט זיבעציק יאָר יונג! האָבן זיי איינגעלאַדן אירע נאָענטסטע פריינט צו קומען זיך פרייען מיט פייגעלעס געבוירנטאָג.

איך דערמאָן זיך, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט פייגעלען זינגען. דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק אין ניו־יאָרק. איך בין געזעסן און זיך צוגעהערט צו איר וואונדערלעכן אויסטייטש פון יידישן ליד. איך האָב נאָך קיינעם ניט געהערט אַזוי זינגען! האָב איך אָפּגערופן די „פאָרווערטס" ראַדיאָ און אויסגעפונען, אַז די זינגערין איז איינע מיטן נאָמען פייגעלע פּאַניטץ, פון לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער קום איך קיין לאָס אַנדזשעלעס און ווער געלאַדן צו ראָקערס אַ באַנקעט אין וולאַדעק צענטער, אין „באָיל הייטס". נאָכן אויסהערן אַ היבשע צאָל רעדעס, האָט דער פאָרזיצער אַנאָנסירט, אַז איצט וועט פייגעלע פּאַניטץ זינגען, אין דער באַגלייטונג פון איר טאָכטער ציפּקע, אויף דער פּיאַנע. ביידע האָבן דאַן אויסגעזען מער ווי צוויי שוועסטער איידער מאַמע און טאָכטער. עס ווערט שטיל אין זאַל. די מוזיק און געזאַנג קלאַנגען טראָגן זיך אין אַ הייליקער שטילקייט...

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן פייגעלעס זינגען ה. רויזענבלאַטס ליד: „איך בין בלויז אַביסל גרוי". די לירישקייט און די נשמהדיקייט מיט וועלכע זי האָט דאַן אויסגעזונגען דאָס ליד, האָט יעדן צוהערער גערירט ביז טרערן, און דער אַלטער ראָקער האָט ממש האַלב שעמעוודיק געווישט זיינע אויגן... איך האָב דאַן געקוקט אויף יעדן פּנים, דער אויסדרוק פון ליבע און אַכטונג, אויך די וואַרעמע געפילן וואָס יעדער האָט אַרויסגעוויזן צו פייגעלען.

איז איצט, אויף דער איינלאַדונג פון די בוירגערס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרופּע פריינט צו פייערן פייגעלעס זיבעציקסטן געבוירנטאָג. דער יום־טוב'דיקער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די שיין־געדעקטע טישן מיט פּראַכטפולע בלומען געבראַכט פון אונדזער ליבן מעטלינען. מען האָט געטרונקען לחיים צו פייגעלען און געוואונטשן איר לאַנגע, געזונטע און זינגעוודיקע יאָרן.

נאָך דעם געשמאַקן צובייס איז דער יום־טובדיקער עולם אַרויס אויף דער וועראַנדע; מען האָט זיך אויסגעזעצט אונטערן אויסגעשטערנטן הימל און ליכ־

ט־יקער לבנה, וועלכע האָט באַלויכטן די אַלע געסט, און אונטערן פאָרזיץ פון דעם באַוואוסטן קינסטלער, נאָטע קאָזלאָווסקי, האָט זיך אָנגעהויבן דער גייסטיקער טייל פון דער פייערונג.

נאָטע קאָזלאָווסקי, חוץ גרויסער קינסטלער, איז ער אויך אַ גוטער פאָר־זיצער. מיט עטלעכע הומאָריסטישע באַמערקונגען האָט ער געעפנט דעם אָוונט און געגעבן דאָס וואָרט צו סאָפי בוירגער. סאָפי באַגריסט דעם עולם און זי באַדאַנקט פייגעלען פאַר געבן איר די געלעגנהייט צו קאָנען האָבן די פרייד צו באַגריסן איר. די דיכטערין, אסתר שומיאַטשער־הירשביין, לייענט עטלעכע פון אירע פיינע ישראל־לידער; יעקב קאַץ פון שיקאַגאָ, האָט געלייענט אַ צוגעגרייטן פּאַסיקן הומאָריסטישן רעפעראַט. י. איזגאָר האָט גערעדט וועגן פייגעלעס ביי־טראַג סיי מיט איר געזאַנג און סיי מיט איר שטיצן די „פרייע אַרבעטער שטימע."

דער שוישפּילער, אליהו טענענהאָלץ, אַ לאַנג־יאָריקער פריינט, האָט גע־וואונטשן פייגעלען זי זאָל אַזוי זינגען און זינגען לאַנגע יאָרן. צווישן דער צאָל באַגריסער איז אויך געווען מיין וויניקייט.

אַמבעסטן איז געווען די טאָכטער ציפּקע. זי איז געווען פאַר אַ סך יאָרן איר פּיאַנע באַגלייטערין. זי האָט באַגריסט איר מאַמען אין יידיש, און האָט צוגעגעבן אַ סך פרייד מיט איר יידיש און ליכטיקן אויסזען. יוסף פּאַניטץ האָט אין זיין באַשיידענעם אופן געדאַנקט די בוירנערס און די געסט פאַרן באַשיינען דעם יום־טוב.

ווען פייגעלע האָט זיך אויפגעשטעלט צו זאָגן אַ וואָרט פון דאַנק צו די בעלי־בתים, פאַר געבן איר אַזוי פיל פרייד און אָנערקענונג, האָבן אָפּגעהילכט וואַרעמע און האַרציקע אַפּלאָדיסמענטן.

דער עולם האָט שוין נאָכדעם מער קיין רעדעס ניט געוואָלט הערן, נאָר געבעטן זיך: זינג, פייגעלע, זינג! עס ווערט שטיל און פייגעלעס געזאַנג טראָגט זיך אויף די כוואַליעס פון דער קלאָרער מדבר־לופט, און איר שטימע עכאָט אָפּ מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט. אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט צו פייגעלען מיט פיל ליבע און דאַנקבאַרקייט. עס זיינען צו מיר אויף דעם מאָמענט צוריק־געקומען די אַלע פּנימער, וועלכע איך פלעג זען מיט אַ טרער אין די אויגן, ווען פייגעלע פלעגט זינגען. וויפיל זינגער זיינען עס זוכה פאַר אַזוי פיל יאָרן צו זינגען און אָנהאַלטן אַזאַ ליבע און פאַרערונג?!!

מיר דוכט אַז גאָט אַליין האָט זיך געפרייט מיט אונדז. די לופט — קלאָר, און די אומציילּיקע שטערן האָבן אַראָפּגעלויכטן און אַלץ אַרום האָט אָנגענומען אַ פאַרכישופטן אויסזען. די פריילעכע געסט האָבן מיטגעזונגען, און יעדער האָט געפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו די בוירנערס פאַרן איינלאַדן אַלעמען צו דער אומפאַרגעסלעכער שמחה.

יאָ, אונדזער פייגעלע פּאַניטץ קאָן מיט אָפענע אויגן קוקן אויף אירע פריי־דיקע פאַרגאַנגענע יאָרן — אַ זאַך, וואָס זייער וויניק קינסטלער קענען עס טאָן.

פייגעלע וועט אויך מיט אָפענע אויגן קענען קוקן אין איר צוקונפט; זי וועט זען און איבערלעבן די באַגייסטערונג וואָס זי האָט אַרויסגערופן מיט איר נשמה־דיק געזאַנג ביים פאָלק. ווי אַ פאָלקס־מענטש האָט זי געבראַכט איר ליד פאַרן עולם, ווי גרויס אָדער קליין דער באַזוך זאָל ניט זיין, מיט דער זעלבער ליבע און קינסטלערישקייט.

# פייגעלע פּאַניטץ אַ בת־שבעים

צו דער פייערלעכער געלעגנהייט פון פייגעלעס ווערן אַ בת־שבעים, ווילן מיר דאָ אַרויסברענגען אַ פּאָר אָפּשאַצנדיקע באַמערקונגען וועגן פייגעלעס גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

שוין קרוב צו פיר צענדליק יאָר, אַז פייגעלע פּאַניטץ ווידמעט איר גרויסן טאַלאַנט צום בעסערן יידישן ליד פון איר פאָלקסטימלעך געזאַנג און באמת פיינע אויסטייטשונג פון אידישן פאָלקס־ליד; ווערן די הונדערטער צוהערער אירע קיינמאָל נישט מיד איר צו הערן.

יאָר־איין יאָר־אויס האָט זי מיט איר פערזענלעכקייט און באמת פיין געזאַנג באַשיינט און באַרייכערט אונדזער יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע מסיבות, און מיט יעדן אַרויסטריט האָט זי דערהויבן אירע צוהערער צו אַן עקסטאַז פון פייעלעכן ענטוזיאַזם און פאַרערונג.

דער יידיש־יידישער סעקטאָר אַני ל. א. איז מיט אַזויפיל גייסטיק רייכער דערהויבן, טאַקע צוליב דעם וואונדערלעכן בייטראָג פון פייגעלעס פארטרעפ־לעכן און פראַכטיקן געזאַנג אירן.

זייט דעריבער האַרציק געגריסט, ליבע פייגעלע פּאַניטץ; איר זאָלט צוזאַמען מיט אייער ליבן חבר, יוסף פּאַניטץ, דעם וויכטיקן קולטור־עסקן, זיין געזונט און שטאַרק, עד מאה ועשרים שנה.

יצחק איזגור
אליהו טענענהאָלץ
חבר און חברה אייבראַמס
טשארלי און מיני גרינהאָף
משה קאַפּלאַן
ציליע און שלמה צוקערמאַן
ווילי שאָר
חיה און יצחק ניומאַן
ליובע און א. באַביטש
משה און חייקע גלאַזער
אהרן און גאָסי אייעראָף
מוסי און י. פרידלאַנד
באַשקע און מאַטעס דייטש
פלאָרע און י. פריינד
ראָוז און ל. זעלמאַן

דאָרע און סעם לעווין
פעני און פנטשע בערמאַן
מעי און מאיר לעדערמאַן
באַשקע און חיים שאַפּירא
לייקע און נח גאָלדבערג
פּעי און י. סאַפּיאַן
יעטאַ און ז. בונין
פּ. און אַנאַ לערנער
היימאַן שלאָסבערג
גאָלדע און מאיר דראַזד
יוסף און גאָסי וויינמאַן
יעקב קאַטץ
רחלה האַוזנער
חייקע און ב. ווינער
חבר און חברה סאַפּיאַן

---

און אָט איז אונדזער שטענדיק יונגע זינגעווודיקע פייגעלע פּאַניטץ געוואָרן אַ זיבעציקערין!

איז וואָס איז זיבעציק יאָר אין אונדזער איצטיקער צייט? און דאָס האָט אונדז טאַקע איבערצייגט אונדזער טייערע פייגעלע ביי דעם יום־טוב וואָס די בוייגערס האָבן איינגעאָרדנט אין איר כבוד וועגן. זי האָט געזונגען און געזונגען ביז אין גרויען טאָג אַריין...

ווינטשן מיר איר נאָך אַ סך געזונטע, זינגעווודיקע יאָרן.